STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01428

AKEYDES YITSHAK

Abraham Goldfaden

Permanent preservation of this book was made possible
by Mildred Zagelbaum
in honor of
Rabbi & Mrs. Michael P. Strasberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גאָלדפאַדען

עקידת יצחק

היסטאָרישע אָפּערעטע אין 4 אַקטן

פארלאג ת. יאַקובסאָן מ. גאָלדבערג

ווארשע, נאלעווקי 35.

1929

פרייז 1.80 זל.

עקידת יצחק

אָדער מהפכת
סדום ועמורה

ביבלישע אָפּערעטע אין 4 אַקטן און 10 בילדער.

פון
א. גאָלדפאַדן.

פאַרלאַג „בינע", וואַרשע

1 9 2 9

Printed in Poland

Druk. S. Sikora i I. Milner, Warszawa

פּערזאָנען:

אברהם — אַן אַלטער פּאַטריאַרך פון כנען.
שׂרה — זיין פרוי.
יצחק — זייער זון.
ישמעאל — אברהם׳ס זון פון הגר׳ן.
אליעזר אָדער דמשק — אברהם׳ס אַלטער דינער.
לוט — אברהם׳ס ברודער׳ס אַ זון.
עירית — זיין פרוי.
דקלה }
צקלה } זייערע דערוואַקסענע טעכטער
תבל — אַן יונגער עמיגראַנט אין סדום.
מגג — דער שופט פון סדום.
צלה — זיין כלה.
פוט — און לוד — פאָרשטייער.
אַן ענגל, עמיגראַנטן, פאָלק פון כנען, פאָלק פון סדום, ענגלען,

ערשטער אַקט

(די בינע שטעלט פאָר אַ געגנט אין פּאַלעסטינע — אַ בלויער הימל אַרקע אין אונטערגרונט אַראָפּ צו דער ערד פּערה־אָלקנט — לינקס פונם פּובליקום שטייט אַ געצעלט באַדעקט מיט עגיפּטישע פאַרביקע שאַלן און טעפּיכער — לעבן דעם געצעלט אַ הויכע פּאַלמע — לעבן איר אַ גראָז־באַנק — לינקס שטייט עליעזער מיט אַן אָפּטיילונג פּאַסטוכער — רעכטס שטייט לוט אויך מיט אַ אָפּטיילונג פּאַסטוכער — ווען דער פאָרהאַנג גייט אויף קריגן זיך ביידע לאַגערן).

כאָר — שווייגט, נישט רעדן, זייט נאָר שטילער, נישט גע-
רעדט קיין סך, האַלט דאָס מויל נישט גערעדט קיין סך.
די לינקע — נו, וואָס האַלט איר אייך אַזוי גרויס,
וואָס איר נעמט אייך קעגן אונז אַזוי פיל רעכט.
רעכטע — נאָ וואָס האַלט איר אייך אַזוי גרויס,
וואָס, איר נעמט אייך אויך אַזוי פיל רעכט,
מיר זענען טרייע דינער ביים הער לוט.
לינקע מיט רעכטע — מיר זענען אברהמ׳ס דינער, דער
דינער פון גאָט,
זעט ווי פּאַשעט איר אייערע שאָף,
נאָר אויף פרעמדע פעלדער, אוודאי פּאַשעט איר, יאָ!
נישט " " " " " מיר יאָ,
לינקע — יאָ, ווייסט, ווייסט וואָס דאָס הייסט,
יאָ דאָס הייסט דאָך גנבה, גזלה, יזלה, גנבה, באַ!

אַי פאַסטעכער אַי בראַווע וואָס שעמט איר אייך נישט
פאַר דער וועלט ?
א ל ע — גייט! מיר ווילן אייך נישט קענען,
גייט אייך ווייטער — גייט. (ענדע פון כאָר)
ל ו ט — איך ווייס נישט אליעזער, וואָס דו שטעלסט דיך אַרויס.
ביזט מיין נישט ווי אַ משרת ביים פעטער אין הויז,
מיין פעטער אברהם אַליין קען מיך נישט פרעגן קיין קשי,
ווי מיינע פאַסטעכער זיכן זיך בעסערע פאַשע;
דאָס לאַנד איז ברייט, גרויס איז די וועלט,
איך מעג פאַשען מיינע שאָף ווי מיר נאָר געפעלט. —
א ל י ע ז ע ר — אויף דעם קען איך דיר קיין דעה זאָגן, ניין!
מעגסט דיר פאַשען די שאָף ווי דו ווילסט דיר אַליין.
נאָר — נישט אויף פרעמדע פעלדער — ביי דיר מאַכט
עס נישט אויס.
נאָר דערביי לייט דער נאָמען אברם, וואָס איז זער גרויס
אייך קען מען ווייניג אין לאַנד — אים קען מען אַ סך
מען ווייסט אַז אין פיצוכט איז אברם זער רייך —
נאר — ווי וועט ער זיך ערלויבן פרעמדעס צו בעריר.
דאָס הייסט גזלה, גנבה זיין נאָמען פערלירן,
אויף אַזוינע זאַכן מאַכסטו מיט דער האַנט אַוועק
נאָר אויף אַזאַ גרויסן נאָמען וואַרפט עס אַ פלעק!...
ל ו ט — איך ווייס, מיין ליבער אליעזער, איך ווייס. פאַרוואָס,
דו ביסט אַזוי געטריי דיין בעל הבית,
דו ווייסט אַז אַלט זענען אברם און שרי זיין אשה.
און ווען זיי שטאַרבן. רעכנסטו בלייבט דיר די ירושה;
ווייל דו ביסט זיין איינציגער הויז רעגירער,
און פאַרגעסט אַז ס'איז דאָ אַ קרוב, וואָס זיין רעכט
איז פריער
איך — לוט בין דער זון פון אברהם'ס ברודער הרן,
איך בין זיין נאָנסטער יורש — אָט האָסטו דעם חשבון
דעם קלאָרן! —
א ל י ע ז ע ר — וואַרט — מיר שפּאָרן זיך נאָר אומזיסט מיין

ליבער לויט.
דו פארגעסט אַז אברמ׳ס דינסט האָט אים אַ זון געהאַט,
נאָ? — אַ זון איז ער דאך, ווען אויך פון אַ בעדינטע,
און רעכטע אויף ירושה האָט ער אויך אמתע פערדינטע! —
לוט — דאָס הייסט קיין רעכטער יורש — די ליניע איז נישט
גראַד!
דאָס הייסט עפעס יאָ אַ זון — נאָר, אַ זון — מן הצד...
פון אַ דינסט אין מצרים האָט ער זי באַקומען,
און ישמעאל.
אליעזר — שטיל — זיין קויל — מיר דאַכט איך הער אים
קומען,
ישמעאל — (אונטער די קוליסן) לעזער לעזער! (ערשיינט) וויסט
פונוואנען איך בין געלאָפן!
אליעזר — נאָ פונוואַנען?
ישמעאל — פונוואַנען? — איך ווייס אליין נישט פונוואַנען —
פון דאַנען! —
לוט — פון דער מדבר געוויס — האָסט דען נישט פארשטאַנען,
שרה האָט אים אַרויסגעטריבן.
מיט זיין מוטער הגר, די דינסט די מצריות.
ווי האָסטו באַקומען אַזאַ גרויסן קאָפּ, מיין לעבן?
ישמעאל — דאָס האָט מיר די מומע שרי אַ גוט אויג געגעבן
זי איז בייז אויף מיין מאַמען — ווייסט איר פאַרוואָס?
ווייל מיין מאַמען האָט מער טאַקי ליעב אברם דער
בעל הבית.
שרי האָט קיין קינדער; ווייל זי איז אַלט שוין.
און מיין מאַמע האָט אים געהאַט, אַזאַ שיינעם פאַרשויין
(ער ווייזט אויף זיך)
און אַז די אַלטע לייט וועלן אין דעם זאַמד ליגן.
ווייל איך ירשה׳נען אַלע אייזלען, קעלבער און ציגן. —
אליעזר — שטיל דו ווילדער! באַלד וועט מען דיך ווידער
פערטרייבן צום רוח.
איך בין דער עלטסטער ביי אברמען אין הויז דער יורש

לוט — זיין מאַמע איז די דינסטשיקסע — דו — דער משוּת,
ער וועט מיט אייך ביידע שלאָגן כפּרות.
אייגן פלייש און בלוט ווערט נישט פרעמד אזוי גיך,
איך בין זיין ברודערס זון — דער יורש בין איך,
שמעאל — בין איך. —

(זינגען)

1.

לוט — וואס דארף איך פרעגן?
דאָס פאַרמעגן,
וואָס אברהם האָט אָן א שעור,
דימאַנטן
גאָלד בריליאַנטן
דאָס וועט אַלעס געהערן צו מיר,
יאָ דאָס גאַנצע גרויסע עשירות ירשהנען וועל איך,
אליעזר מיט ישמעאל — דאָס גאַנצע גרויסע עשירות
ירשהנען וועל איך.
לוט — ניין ניין ניין ירשהנען וועל איך,
ישמאל — ניין ניין ניין ירשהנען וועל איך,
אליעזער — ניין ניין ניין ירשהנען וועל איך,
לוט — ניין ניין ניין ירשהנען וועל איך,
אלע — ניין ניין ניין ירשהנען וועל איך, (אין דער צייט
שטורכעט לוט און אליעזער ישמאלן פון ביידע זייטן אזוי אז ישמאל
מוז זיך אלע מינוט אומדרייען),

(טאַנץ רעפריין),

אליעזער — זיידן, וואָלן,
גאַנצע שאָלן,
וואָס אברהם האָט אָן א שיעור,
גאַנצע שאַפעס
ווידער צאַפעס,
דאָס וועט אַלעס געהערן צו מיר,
יאָ דאָס גאַנצע עשירות א. א. וו. (אין דער אָרדנונג ווידערהאָלש
ווי אין דער 1-טער סטראָפע),

ישמעאל – שאָף און לעמלעך,
אייזלען קעמלעך,
וואָס אברהם האָט אָן אַ שיעור,
קעלבלעך ביקעלעך,
לאָשקיס ציקעלעך.
דאָס וועט אַלעס געהערן צו מיר,
יאָ דאָס גאַנצע גרויסע עשירוה א. א. וו.

(ווערענד זיי זינגען קריגענדיק דעם שלוס – פאלען צו די ביידע פארטייען פאסטוכער און פאנגען אלע הייבן אן צו זינגען דאס כאר פון נמ׳ 1 – ביז צו די ענדע – בלייבן אלע שטיל – לויט דעם סיגנאל פון דער מוזיק; ווייל זיי דערהערן פון דער-ווייטן די שטימע פון)

אברהם – (זינגענדיק) נאָר שלום, נאָר שלום איז וואס מיר געפעלט,
אויף שלום, אויף שלום אויף דעם האַלט זיך די גאַנצע וועלט (אברהם דערשיינט)

כאָר – (פיאנע) זיי אונז מוחל גרויסער הער מיר זענען נישט שולדיק אין דער קריגן,
זיי אונז מוחל גרויסער הער מיר וואָלטן געווען געשוויגן
זיי ווילן זיך נאָר קריגן – זיי – נאָר און זידלען זיך,

אברהם – (רעטשעטאטיוו) זייט נאר שטיל מיינע לייט אויף דעם אָרט.
הערט איר נאָר אויס הערט אייך נאָר צו מיין וואָרט,
איר ווייסט דען נישט..
אַז מיר זענען אַלע קינדער פון איין גאָט.
און מיר זענען ביידע ברידער מיט אונזער לוט
פאַרגעסט נאָר נישט,
אַז די וועלט איז ברייט און גרויס
גאָט שפייזט דאָך פון קליין ביז גרויס,
פון דעם גרעסטן ביז אין דעם פליג,

פאַר אונדז, פאַר אייך. פאַר אונדז אַלע, וועט נאָך
בלייבן, ווייס איך, גאַנץ גענוג.
נאָר שלום, נאָר שלום איז וואָס מיר געפעלט.
אויף שלום, אויף שלום אויף דעם האַלט זיך די גאַנצע
וועלט.

(אַלע גייען אָפּ אויסער לוט)

(ענדע געזאַנג)

א ב ר ם (צו לוטן) וווהין גיהער זיך דאָס קריגן, עס איז נישט
שען דער גערידער,
פאַרגעס נישט לוט, מיר זענען דאָך מענטשן — ברידער,

ל ו ט (בייז) יאָ ברידער,

א ב ר ם — אמת, פאַר די גרויסע טשערעדעס שאָף, וואָס מיר
ביידע פאַרמאָגן,
איז דאָס לאַנד צו קליין, אונז ביידע קען עס נישט פאַר-
טראָגן,
די וועלט איז גרויס גענוג, מיר קענען זיך צושיידן,
און יעדער קען זיך אין זיין ווינקל פאַשען זיינע שאָף
אין פריידן! —
נאָר מיין נישט אַז איך ווונטש נאָר דאָס בעסטע, די
ברירה שטעל איך דיר
געסטו רעכטס, גע איך לינקס — דו מעגסט דיר אויס-
קלויבן פריער! —

ל ו ט — גוט — עס פאַלגט דיך, פעטער, דער זון פון דיין
ברודער הרן,
דאָרט ווו דער ירדן באַנעצט די גרינע שיינע פלאָרען,
דאָס בליענדע לאַנד איז פאַר מיר די בעסטע סחורה,
איך האָב לאַנג גיהערט פון דעם רייכן סדום און עמורה,
ווו גאָלד און זילבער און ברויק איז דאָ פיל, צופיל,
אהין גיי איך אַצינד — דאָרט איז לאַנג מיין ציל —
און דו, בלייב דיר דאָ מיט דיינע לייט, וואָס דו האָסט חשק,
דיר איז ליבער ס'זאָל דיך ירשהנען דיין משרת דמשק,

אָדער ישמעאל, די ווילדע בריאה מיט די לאַנגע אייזל-
אויערן,

אַ מצרי, אַ פוילע זאַך פון אַ פּראָסטע דינסט געבוירן,
(אב בייז).

אברהם (אליין—נאכדענקענד) אָ דער ביטערער פאַרוווּרף — נישט
איין שלאָפלאָזע נאַכט

האָט ער מיך געקאָסט — נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט:
וואָס טויג דיר דיין גאַנץ רייכטום זילבער, גאָלד און רינדער
אַז דו ביזט עלענט ווי אַ שטיין, אָן אַ רעכט איינציק קינד,
אַ קינד, וואָס איך זאָל ערציען מיט מיין ליבע שרהן,
וואָס האָט מיט מיר צוזאַמען פאַרבראַכט די בעסטע יאָרן,
אַ קינד, וואָס זאָל זוכה זיין פון אונזביידע צו שטאַמען,
נישט פאַרפלעקן נאָר ערע מאַכן מיין פערדינטן נאָמען,
אַ קינד פון חכמה און גייסט, וואָס זאָל זיין אויך אומ-
שטאַנד,

צו ירשהנען מיין פערמעגן, ערוואָרבן דורך גייסט און
פערשטאַנד...

דאָס, וואָס איך האָב געפּאָרשט און דערגאַנגען אויף קלאָר,
אַז ס׳איז דאָ אַ גרויסער מייסטער איבער דער נאַטור,
אַז אַלץ וואָס איז געווען, וואָס איז דאָ און וועט ווערן,
אין וואַסער לופט און ערד, זון, לבנה און שטערן
זענען ערשט שלוחים פון אַ שעפער אַ לעבעדיקן,
וואָס ער האָט נישט קיין אָנפאַנג און וועט זיך קיינמאָל
נישט ענדיקן,

און אַזאַ יורש האָב איך געבעטן וואָס ער זאָל פאַרפלאַנצן
ווייטער

פון דור צו דור די תורות פון זיין פאָטער... (פויזע)
שרה — קען עם דען הייסן בוים, ווען ער לאָזט נישט אַרויס
קיין צווייגן?

קען ער הייסן קוואַל, ווען זיינע וואַסערן שטייען און
שווייגן?

קען איך הייסן מענטש. דעם שעפערס ווערק דאָס שענסטע?

דיין אייגן ווערק צובערעכן, מייסטער, קענסטו?
און דאָס טוסטו דיין טרייען דינער? — גאָרניש, גאָרנישט אַרט דיך?!
דאָס פרעג איך ביי דיר, מיין גאָט! און אויף איין ענטפער וואַרט איך.

(פאַנטאַזירט — בעט — זינג)

אָ גאָט גערעכטער!—
שווער מיר:—עס בעט ביי דיר — דיין טרייער דינער —
איז דען נישט אין רעכטן וועג פאַר דיר געגאַנגען,
האָב איך דען נישט פאַרדינט זאָלסט מיר טון
מיין פאַרלאַנגען,
און דיין שרהן, זע אויך איר געוויין,
זיין נויט און צרות קען איך נישט צוזען (פויזע)
האָסט אים געהאָלפן אָן צאָל,
טו אויך חסד אונז אַצונד,
טו אונז גאָט נאָך דאָס מאָל,
גיב אונז נאָך איין אייגן איינציק קינד.

(פאַנטאַזירט — ליד)

אָ, ווי אומגליקלעך פילט זיך דער מענטש, ווען ער בלייבט אין זיין צעלט
מיד פון זיין לעבן אליין-און דאַרף גיין פון דער וועלט,
און אויף די עלטערע יאָרן
בלייבט ער עלנד גאָר
אָן כח און אָן געזונד,
און אָן איין איינציק קינד — יאָ, אָן איין איינציק קינד—
ווער קען אים טרייסטן, ווען ער ווערט נעבאָך קראַנק,
ווער וועט אים באַגלייטן, ווען ער גייט דעם לעצטן גאַנג...
זיין קבר שטייט אין פוסטע פעלדער איינער אליין...
קיין טרער פון א קינד באַנעצט קיינמאל דעם גלאַטן שטיין...
פאַרגעסן, פאַרלוירן ווערט זיין נאָמען אויף אייביק און
אָן א קינד, אָן א קינד! —

פארבראכט האב אין מיין בעסטע צייט — מיין לעבן, מיין וועלט,
אך: געארבעט מיט בלוטיקן שוויס, צו זאמלען גוטס און פיל געלט,

גאט האט געבענטשט מיין הויז,
מיין פארמעגן איז גרויס,
וואס טויג עס מיר אציגד,
אן א יורש, אן א קינד,
יא, אן איין אייגן איינציק קינד,
חי וועט אהינקומען מיין גוטס ווער ווייסט ווו.
ווער וועט אויפעסן מיין פארהארעוועטע מי,
נעם עס דיר צו, גוטער גאט. נעם עס צוריק,
איך דאנק דיר זייער גוטער גאט פאר דיין גליק,
וואס טויג מיר מיין פריר, און מיין הײנט און מיין
שפעטער אוי אן א קינד, אן א קינד. —

טאבלא — מעלאדראמא

פר ווערט אנגעדרימלט אויף דער גראז־באנק דעם קאפ אויף דער האנט געשטיצט אויף דער קניע — אין דער ארקע פון דעם הינטערגרונד לאזט זיך ארא איין ענגעל אין דער געשטאלט פון א קליין קינד בלייבט הענגען אין דער לופט — דאס קינד חזרט איבער די ווערטער פון אברהמס ערשטן טרוים — ווערנד דאס קינד דעקלאמירט — ערשיינט א טראנספארענט בילד, וועלכעס שטעלט פאר ווי די יידן ארבעטן שווערע ארבעטן אין מצרים ווערענד זיי בויען די שטאט פיתום מיט רעמסס.

דאס קינד רעדט!

ידע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם,
ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה.
וגם את הגוי אשר יעבדו דן אנכי.
ואחרי כן יצאו ברכוש גדול.

דאָס בילד פאַרשווינדט. עס ערשיינט אן אנדער טראַנספּעראַנט בילד וועלכע שטעלט פאָר אלע יידישע קעניגן. אגהויב פון יוסף, שאול, דוד, שלמה. א.אז.וו. מענכע זיצן אויף שטולן, טייל שטיין, דאָס קינד דעקלאַמירט:

לא יקרא עוד את שמך אברם, והיה שמך אברהם,
כי אב המון גוים נתתיך והפרתי אתך במאד מאד,
ונתתיך לגוים ומלכים ממך יצאו — וכו'
שרי אשתך! לא תקרא את שמה שרי כי ש ר ה שמה.
וברכתי אתה וגם נתתי ממנה לך בן.
וברכתיה והיתה לגוים מלכי עמים ממנה יהיו. —

דאָס בילד פאַרשווינדט, דאָס קינד פאַרשווינדט אין דער הויך צוריק.

א ב ר ה ם וואכט לאַנגזאַם אויף. עפנט די אויגן, קוקט זיך ארום, ער טוט פלוצלינג א ציטער „הא״, אין דעם מאָמענט פילט ער ווי א האַנט לייגט זיך לייכט אויף זיינע שולטערן ער קוקט זיך אום און דערזעט שטיין נעבן אים שרהן, ער קוקט זי אן אביסל פאַרווירט.

ש ר ה ביסט געשלאָפן אברם — איך האָב דיר געשטערט?
דו ווייסט דאָך אז דיין רוען האט ביי מיר א ווערט —
שוין צייט אויף דער עלטער זאָלסט זיך אויסרוען כ'לעבן
גענוג, געגוג האָסטו זיך געפּלאָגט אין דיין לעבן —
דיין פלייס האָט זיך געקריינט מיט גרויס עשירות,
דיין קאָפּ איז שוין אויך מיד פון דיינע טיפע חקירות,
וואָס נאָר דיין גרויסער גייסט האָט דאָס בעגריפן,
(נישט איינמאָל פלעג איך דיך זעען אין געדאַנקען פאַרטיפן)
ביז דיין שאַרפער שכל האָט דעם הימל געשפּאָלטן,
האָסט געזוכט און געפונען וואָס דאָרט ליגט באהאַלטן,
באַהאַלטן פון יעדן מענטשנס אויג און פאַרשטאַנד...
מיט דיין חכמה ביסטו אזוי ווייט געגאַנגען דהאַנט אין האַנט
האָסט פּאַסירט מיט איר אַלע ערהאָבענע גייסטער,
ביז דו האָסט ערפינדן דעם גרויסן מייסטער,
וואָס הימל אין ערד און אַלץ וואָס איז דאָ שאַפט,

אזא כאַפּיטע אַרבעט פון גייסט און פון קראַפט,
געזאַמלט פון פיל דערפאַרונגען אין יאָרן,
איז נישט אַ שאָד, זאָג, אברהם, איז נישט קיין חסרון,
אַ ס'זאָל געגצליך אָפּגעווישט און פאַרגעסן ווערן,
מיט דער מינוט ווען דו וועסט אויך צו לעבן אויפהערן?
האָסטו דען ערפינדן די גאָטהייט פאַר דיינעסוועגן נאָר?
נישט פאַר דיין ווייב, פאַר דער וועלט — פאַר אונדזערן
אַ דור?...

דו האָסט אַ מאָל געזעען אין די פּלאַנעטן — אַז דיין ווייב
שרה,
ווי זיי האָבן באַשטימט — מוז בלייבן איין עקרה —
נו? — איז דען גאָט נישט גרעסער פון אַלע מזלות —
ער מוז דאָך קענען ענדערן זייערע בהלותו...
וואָס זאָגט דיין גאָט?

אברהם — איך האָב אים געפרעגט וואָס ער טוט,

שרה — און?

אברהם — און זיין ענטפער קענסטו לייגן אין מיין פריילעך
געמיט,
הער אויס; עס איז מיך באַפאַלן אַ זיסער דרימל,
נאָר — וואָך איז געווען מיין גייסט, ער האָט געשוועבט אין
הימל.
און פאַר גאָטס שטול זיך געוואָרפן געבעטן און געקלאָגט
ביז ער האָט דערהערט מיין תפלה און מיט זאַנפטע רייד
געזאָגט:
האָסט געפּועלט מיין טרייער קנעכט, געהאָלפן וועסטו ווערן;
קיין הער ענטדעקט זיין סוד, נישט אַ דינער וואָגט צו
פרעגן,
נאָר וויל דו ביסט ערלעך, פרום און טריי דינסטו דיין
הערן,
וועל איך דיר איין עפּיס ענטדעקן פון מיינע פאַרבאָר-
גענע וועגן,
און האָט אַ לייכטן רוק געטון דעם צוקונפטס פאָרהאַנג
דעם טונקלען.

פאַרשידענע פייערן האָבן אין מיינע אויגן אָנגעהויבן צו פינקלען,
און ווייט — העט ווייט זע איך אַ בילד: מענטשן אין די מיליאָנען,
ווי שטערן אין הימל זע איך דורות — נאַציאָנען,
פיל אָרבעטן פלייסיק גרויסע גאַנצע מויערן,
(דען נאָר פון ערלעכע אַרבעטער ווערט אַ פאָלק געבוירן)
עס וואַקסן גאַנצע שטעט — לענדער צו באַוואוינען,
עס אַנטשטייען גרויסע קינסטלער אויך קעניגן מיט קרוינען,
און אַלע מחנות אין איינעם, אַלע אין איין רימעל,
קוקן אַרויף אַהין און לויבן איין גאָט אין הימל —
די אַלע וואָס דו זעסט ווערט אברהם פון דיר שטאַמען.
פון דיר יאָ מיט דיין שרהן פון אייך ביידע צוזאַמען —
שרה צו מיינסטו מיך צו טרייסטן מיין שמערץ מיט דעם צו פאַרגלעטן?
צו מיינסטו גלאַט פון מיר צו לאַכן און צו שפעטן.
אברהם איך בין דיר מודה — אָנפאַנגס האָט עס מיך אויך גווינדערט.
אַ קינד? נאָך ביי די יאָרן? — דו ניינציק און איך — הונדערט?
נאָר איך בין שטענדיק, ווייסט דאָך געוווינט אין גאָט צו גלייבן.
יאָ. „יצחק"! האָט ער געהייסן אונזער קינד אַ נאָמען געבן! —
שרה צו פאַרשטיין אַזאַ גרויסע זאַך איז מיר ווייניק שכל געגעבן,
נאָר דו האָסט דאָך מיך געלערנט — גלייבן — און גלייבן! —

די נאַכט פאַרגייט, עס פאַנגט אָן צו טאָגן. זיי זינגען.דועט.

אברהם סאָלאָ וואָס זאָלסטו שווער דיר מאַכן אַליין דאָס האַרץ.
געהאָלפן קען ווערן דיין טיפער שמערץ,
ענטפערט דען נישט יעדן גאָט — ווען ער בעט,

איז דען זיין ישועה אַמאָל צו שפּעט.
האָפן דאַרף מען תמיד אפילו ביז צום טויט,
אַז העלפן וועט אים גאָט אין יעדער נויט. —
שרה יאָ, יאָ, איז דען דאָס אַ מעגלעכקייט,
דו בײַ 100 יאָר,
איך בײַ 90 יאָר,
זאָלן קינדער האָבן גאָר — יאָ — אוא־נ־אַלט פּאָר,
אברהם — — — — — — — — — — —
איך וויל דו זאָלסט נאָר גלייבן,
— — — — — — — — — — — —
וועלן מיר געוויס דאָך זעען
בײַ גאָט איז דאָך אַלץ מעגלעך,
הלוואי — — — — — — — — — —
זעע נאָר
האָף נאָר
גלייב נאָר
צו אים
וועט דיר
גוט זיין
נאָר פאָלג מיך,
נאָר פאָלג מיך,
אַי וועט עס דאָך אַ שען וווּנדער זיין!
— — — יאָ, — — — — — —
שרה עס איז מיר שווער צו גלייבן,
עס זאָל מיט אונז אַזוי געשעען,
נאָר אַז מיר וועלן לעבן.
וועלן מיר געוויס דאָך זען,
— הלוואי — — — — — — — — —
בײַ גאָט איז דאָך אַלץ מעגלעך,
איך פאָלג דיך,
איך פאָלג דיך.
נאָר אים,

נאָר אים,
וועל איך,
גלייבן,
וועט מיר,
גוט זיין,
— — — יאָ — — — — — — — — — —
אַז וועט דאָס אַ שען ווינדער זיין.
ביידע — יאָ! ס׳קען זיין אַ מעגליכקייט,
איך בין 90 יאָר.
דו ביי 100 יאָר,
וועלן קינדער האָבן גאָר — יאָ,
לאָמיר זיך ביידע נאָר טרייסטן,
דאָס בעסטע וואָס ס׳קען זיין,
לאָמיר ביידע האָפן,
וועלן מיר דאָך גליקליך זיין,
גליקלעך זיין — יאָ זיין — — (ביידע אב אין געצעלט).
אליעזר — (קומט אָן רעכטס גאָכדענקנט) בעט גאָט, בעט! בעלי בתים מיינע טייערע!
בעט, ווייל איר וועט אויסלעבן די יאָרן אייערע,
איך העלף אייך אויך אין דער ערד שלאָגן מיט מיין שטערן,
טאָמער וועט אייך דאָך גאָט אַ רעכטן יורש באַשערן;
דער גאָט וואָס האָט אייך ליב, באַווייזט אייך שטענדיק ווינדער,
לאָז ער אייך שענקען אויף דער אַלטער — ווען נישט פיל קינדער,
באָטש איינס — אַ גערעאָטענעם — אַ רעכטס — אַ פיצעני- יאָניקעלע,
ער זאָל קענען מיט זיין מיילכן זאָגן שרה׳ן: מאַמאָ- ניקעלע!״
אַבי דער שמאָלעק זאָל דאָ ווערן אין הויז אויס מיוחס,
לאָז ער גיין מיט זיין הגר קיין מצרים צו אַלדע רוחות,

דען; ווען איך וועל נאָכאַמאָל הערן ווי ער רופט מיין
הער — „טאַטע”,
וועל איך אים זיינע ליפּן אָפּשניידן,
ישמעאל — (פון אונטער די קוליסן) לעזער, לעזער!
אליעזר — האַ ער קומט דער אייזל דער טאַמעוואַטע,
ישמעאל — (אויפטרעטנדיק) טרעף וואָס איך האָב דערקוקט מיט
מיינע צוויי אויגן?
ווי איך וויל אַזוי שיסן מיט מיין פייל און בויגן,
דערזע איך פון וויטן — העט ווייט — אַי, אַי אַי!
דערזע איך גיין דריי — איינס צווי, דריי!
אליעזר — וואס דריי?
ישמעאל — טאַקע דריי שטיק וואנדערער פונדערווייטן גיין,
זיי וועלן געוויס ביי אונז דאָ אָנשטעהן,
וועלן מיר ווידער מאַכן אַ סעודה'ן אַ פעטע,
און איך וועל ווידער קייען פרישע פּלעצל מיט סמעטענע
דו און דער אַלטער וועלן קוילן אַ לאַם,
און איך און די אורחים וועלן מאַכן הם! הם! הם! —
אליעזר — (יאכדענקנדיק) און די בריאה זאָל ירשהנען אברהם'ס
גרויס פאַרמעגן?...
מעגן אַלע דיגערשאַפט אויסשטאַרבן? — — מעגן,
אַלע טשערעדיס קראַפּירן — דאָס גוטס איינשלינגען די
ערד,
איידער הערשן איבער זיי זאָל אַזאַ ווילד פערד,
ישמעאל — לעזער! לעזער!
טו דיך נישט קיין בייזער!
דו זיי נאָר מיט מיר חבר ווי מיין אייזל, וועסטו זען,
אַז ווען די אַלטע וועלן דאָ אין זאַמד אַריינגיין,
וועל איך זיין דיין בעל הבית און די מיין משרת,
וועל איך דיך אָנשטאָפּן מיט גאָלד אַזוי ווי אַ פאַס,
דו זאָלסט מיר שטענדיק נאָכגיין פוס ביי פוס,
און אַז איך וועל עפּעס עסן אָדער געבן אַ ניס,
זאָלסטו האַלטן שטענדיק אַ שמאַטע אין דיין דאַליאַניע,

אין מיר באַלד אַפּווישן די לעפּצן מיט דער באַניע

א ל י ע ז ר — (בייז) גיב אַהער דיין

איך נעם דיר באַלד דעם קאָפּ אויך אראָפּ

י ש מ ע א ל — (דערשרעקט זיך) אַי, אַי, אָי! ער שנייט! — גוואַלד!

א ב ר ה ם — (קומט אריין פון געצעלט) דמשק! עס ווערט מיר אַזש קאַלט...

א ל י ע ז ע ר — (פאַלט אויף די קני) אדוני!

א ב ר ה ם — — — דער טאָג איז יעצט שטאַרק הייס און...

י ש מ ע א ל — (ווייזט אויף זיינע ליפּן) ער, ער, ער, מאָם מאָם! —

א ב ר ה ם — שטיל! (מ'הערט פונווייטן שטימען פון וואנדערער — אַלע בלייבן שטיין און הערן זיך צו — די וואנדערער גייען אריין זינגענדיק)

מיר וואַנדערער זענען דריי,
מיר לויפן און גייען פריי,
אויף בערגלעך און טאָלן,
נאָר אויפצעמאָלן,
און זינגען זיך אויך דערביי

א ב ר ה ם — אַך וואַנדערער גייט נישט פונדאַנען
קומט רוט אייך אויס, דאָ ביי מיר.

וואַ נ ד ע ר ע ר — מיר מוזן דאָך ווייטער באַלד גיין,
מיר קענען נישט בלייבן ביי דיר
מיר מוזן גיין ווייטער,

א ב ר ה ם — — — — נאָר נישט געגאַנגען,
בלייבט דאָך אַביסל ביי מיר,

וו א נ ד ע ר ע ר — וואָס וועט געשען,
מיר וועלן נישט גיין,
און וועלן טון דיינע פאַרלאַנגען
מיר מוזן גיין ווייטער

א ב ר ה ם — — — — נאָר נישט געגאַנגען.

וו א נ ד ע ר ע ר — מיר קענען נישט בלייבן דאָ לאַנג,

א ב ר ה ם — ערפרישט אייך זייער ווייניק און גייט אייער גאַנג!

מיר זענען דאָך דיינע געסט
מיר וועלן די דאָס איבערצייגן גאַנץ פעסט.
יאָ, יאָ, יאָ! לי
גוט און פיין ביסטו דאָך זער
פאַר דער אויפנאַמע,
זער גרויס דאַנקען מיר די אַלע
אַ דאַנק אַ דאַנק דיר (זיי זעצן זיך אַלע דריי אויף
דער גראָז־באַנק לעבן דעם בוים — אליעזר כאַפּט וואַסער און וואַשט
[illegible]

א ב ר ה ם — איר ווייסט נישט ווי גרויס איז מיין שמחה ליבע געסט!
איר וואַשט אייך די פיס און גענייסט פון דאָס בעסטע —
וואָס מיין קיך פאַרמאָגט (צו אליעזרן און ישמאעלן) קומט מיט
מיר אליעזר ישמעאל קומט מיט מיר (אברהם אליעזר אב)

י ש מ ע א ל — גיי לייזער גיי דו פריער (בלייבט שטיין - צו די געסט)
האָט ווער פון אייך נאָר אַ גוטן מאָגן?
קענט איר נאָר גוט קייען? — שעמט אייך נישט איר מעגט זאָגן.
אָט וועל איך אייך אויסרעכענען: גענזענע פיפקעס! —
שאָפענע קעפּלעך!
קעלבערנע לעבער! מיט קיין פרישע קרעפּלעך!
(מען הערט יעדעס מאָל אונטער די קוליסן שרייען און רופן „ישמאל"!
און ער רופט זיך אָן ביי יעדעס מאָל רופן:)
אָט לויף איך! (צו די געסט) גענזענע פיסלעך, אייטערס, ניערן,
פרישע פלעציל (מען רופט) אָט לויף איך! געפרייגעלטע געהירן (מען רופט)
אָט לויף איך! (אב)

א ב ר ה ם — באַלד ווערט אַלעס פערטיג! זאָגט נאָר מיינע ליבע לייט.

וויהין ליגט אייער וועג? האָט איז צוגיין נאָך ווייט?

א י י נ ע ר (פון די וואנדערער) נישט אַלע האָבן מיר גראַדע איין וועג,

איינער מוז אין סדום זיין אין אייניקע טעג.

א ב ר ה ם — אָ סדום און עמורה! אָ די שטעט פיל מיט חטעים
גאָט'ס שטאַרקע שטראָף הענגט איבער די רשעים,
און וויפל איך האָב גאָט געבעטן פאַר די מזיקים,
קען מען אים נישט אויפווייזן כאָטש פינף צדיקים —

י ש מ ע א ל — (קומט אריין טראַגנדיק עסן) היט אייך איך טראָג!

אברהם אָב אין געצעלט) רינדס בראָטן!

נאָר עסט נישט צו פיל עס זאָל אייך נישט שאַטן,

(קינדער עס נישט)

נאַ ? — וואָס עסט איר נישט — אָט וועל איך אייך ווייזן ווי אַזוי —

(ער עסט אַלעס אויף)

אָט אַזוי, אָט אַזוי — ניין ס'איז נישט פאַר אייך — ס'איז דאַכט מיר רוי —

(מ ע ן רופט ישמאלן)

אָט לויף איך — ווילט איר נאָך עפעס עסן? — זאָגט ניין,

(מען דערלאַנגט אים פון דעם געצעלט, ער נעמט)

היט אייך איך טראָג! — דריי צינג, ניט כריין,

(ער עסט זי, ריף)

איר פרווט דעם כריין — און איך וועל מיר אַ ביס טון די צונג, (עסט)

נאַ? — וואָס עסט איר נישט — די וועלט זאָגט אַ ווערטל — פאַר מיר אַ וויבק:

איין אָקס האָט אַ לאַנגן שופר און קען קיין צונג נישט בלאָזן (מען רופט)

אָט לויף איך! בראָש פליען זיי אַזוי שנעל אַזוי ווי די דהאָזן,

(ער גייט צו צום געצעלט, און נעמט)

היט אייך, איך טראָג! — סמעטענע! — מיט אַ קיכן
וואַרט, וואַרט! כאַפּט נישט — איך וויל פריער פּאַרזוכן
טאָמער איז דאָס גערינגען — איז פאַר אייך נישט קיין מאכל
עס קען נאָך חלילה אָנהייבן צו גרימען אין בייכל *)
אַי איז דאָס גוט (ער באַלעקט זיך מיט די צונג — נאָר ווישט נישט אָפּ די סמעטענע)

איך זאָג אייך ס׳איז אַ מחיה!...

אליעזר קומט אָן, דערזעט אים פאַרשמירט, וואָס טוט ער? — קוק אָן: — די ווילדע חיה.

ישמעאל אויסגעשמירטערהייט אוי, איז דאָס הונגעריקע פאַר-
שוינען, זיי האָבן נישט געלאָזט אַפילו אַביסל,
אַלצדינק האָבן זיי אויפגעפרעסן — אויסגעלעקט די שיסל.

אליעזר: אַזוי נעמט מען אויף געסט? — אַ שיינער בעל-
הבית! וואל!

ישמעאל זאָל מיין עזל מיך צוטרעטן, אויב איך האָב גע-
האַט אפילו אין מיין מויל, ער טוט זיך מיט זיין האַנט אַ קלאַפּ איבער זיין מויל, דערפילט ער די סמעטענע. ער ווישט זיך נאָך אָפּ.

אברהם קומט אָן האָט קיין פאַראיבל, ליבע געסט, מיר גיבן
אייך דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגן,
ווינשט איר נאָך עטוואָס — איר דאַרפט נאָר זאָגן! —

דער עלטסטער פון די וואַנדערער מיר דאַנקן! — נאָר ווי
איז אייער ווייב שרה, מיר ווילן זי זעען.
איר אויך דאַנקען און בענטשן איידער מיר וועלן גיין.

אברהם זי זיצט מייסטנס באַהאַלטן אין איר געצעלט.
די פרומע פרויען ווייזן זיך זעלטן פאַר דער וועלט,
אָט איז זי, שרה ערשיינט אויף דער טיר פון דעם געצעלט, אַלע הויבן

---

*) אין אַמעריקע און אין רומעניען מעג זיך דער קאָמיקער ערלויבן די פאַנטאַזיע צו מאַכן — וואָרום ער שטעקט אריין דאָס מויל אין שיסל סמעטענע שמירט ער זיך אויס די ליפּן מיט דער נאָז מיט סמעטענע און אַזוי יעס ער ווייטער.

זיך אוין, דער עלטסטער נעמט ארויס א גאנצע צווייג פון א פאלמע, רייבט זי אויף און זינגט. רעטשעטאמיוו.

דער עלטסטער וואנדערער (רעטשעטאטיוו) הערט מיך אלע אויס
איידער מיר גייען,
הערט פון מיר אזוינס אז ס'וועט אייך פרייען,
פאר דער צייט, וואס מיר האבן דא פארבראכט,
און איר האט אונז פארגעניגן געמאכט, (פויזע)

(אריע)

מיינע ליבע לייט,
פאר דעם שטיקל צייט,
וואס איר האט אונז אלע אויפגענומען;
וואס זאל איך אייך ווינשן,
זענט איר רייך,
מיט אלס געבענטשט פון גאט! —
איינס פעלט אייך צום גליק,
א קינד נאר אן אנטיק,
פרום זאל עס זיין, ערליך, קליג און שיין,
ווייסט זשע יעצט אויף קלאר:
פון היינט ביז איבער א יאר
כעת חיה ולשרה בן — !!! —

שרה און ישמעאל — (לאכן זינגענדיק) כא כא כא כא! דאס
קאסט מיך א קליינעם לאך,
פאר אייער שפאס מיין ליבער גאסט
דאנקען מיר —
דאנקען מיר אייך,
כא כא כא כא! דאס קאסט מיך א
קליינעם לאך,
פערציילט מיר גאסט! — פון אייער
שפאס מוז איך לאכן
און לאכן א סך.

אברהם — פערציילט מיר גאסט! — פון אייער שפאס מוז
איך נישט לאכן נישט לאכן קיין סך!

וואַנדערער מיט אליעזר׳ן — וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן
קען זיך דען אַמאָל נישט טרעפן
אַז נאָר אויף דער עלטער זאָל מען געהאָלפן ווערן?
וואָס איז דאָס פאַר אַ ווינדער,
האָבן קען מען אויך קינדער,
יאָ מעג זיין אויף דער עלטער ווען גאָט וויל נאָר
באַשערן!

(די אָרדנונג פון דעם שלום אַקט:)

1) שרה — ווידערהאָלט דאָס לאַכן פון „כאַ כאַ כאַ״! — ביז — „לאַכן אַ סך״.

2) דער וואַנדערער — ווידערהאלט זיין ווּנטש פון „מיינע ליבע לייט״ — ביז — „ולשרה בן!״ —

3) אַלע דריי וואַנדערער — הייבן זיך אויף און ווידערהאָלן זייער אַנטרעט פון „מיר זענען דריינע געסט א. ז. וו. — גייען זיי זינגענדיק, [illegible] צו דער אַרקע און שטעלן זיך אַרויף אויף די וואָלקן וואָס ליגן אויף דער ערד — זיי הערן נישט אויף צו זינגען ביז צום שלום,

4) אויף דער וואָלקן אַרקע שפּייענדיק: וואַרפן זיי אַלע פלוצלינג אַראָפּ די מענטל מיט די קאַפּישאָנעס עפּענען אויף די פליגל — קלייבן זיך מיט די הענט אויף די אַקסלען.

5) די וואָלקן הייבן זיך אויף און פאַרשווינדן ווען זיי אין הימל — די גאַנצע צייט זינגען זיי דעם דועט ביז מיטן פינאַל גייען זיי אַרויף — די פאַרזאַנען וואָס שטייען אונטן, ליגן מיט די פנימער צו דער ערד, — דאָס בילד ווערט באַלייכטעט מיט פיאָלעט פייער —,

דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

צווייטער אַקט

(פּרימאָרגן. — שטעלט פאָר א בליענדע געגנט — אויף צוויי הויכע בערג, ארומגערינגלט מיט איילבּיימער ליגן די שטעט סדם און עמרה — ביים ארייגאנג פון דער שטאָט אויף א בערגל לאַגערן וואנדערער מיט בעלאָדענע קעמלען — די סוחרים זיצן אין א ראָד אויף דער ערד, עסן און שמועסן צווישן זיך — די גאַנצע געגנט איז אַרומגערינגלט מי א שטיינערנע מויע' אָדער, פּארק, אויף דער בינע איז אזוי בּיזוריק אַז דעם גאַנצן לאַנדשאפט פון דעם געגנט קען מען דייטליך אַרויסזעען — לינקס פון די צושויער איז א הויכער גרויסער טויער, אריינגאנג אין דער געגנט — פון איין זייט מויער נישט ווייט זעט מען אַרויס דער פּאַאר פון א הייזל דארט וווינט לוט פון דער אנדע־ער זייט מויער שטייט אַ שטיינערנע שטול מיט איין טרעפּל, אויף וועלכער עס זיצט דער שופט ווען ער משפּט — רעכטס פון די צושויער אין עק פארק שטייט א בּערגל, ביים פוס פון דעם בּערגל — א בּרונים, לעבן דעם בּרונים ליגט אויף דער ערד א יונגער עמיגראַנט תבל פאַר־שמאַכט — ווען דער פאָרהאַנג גייט אַרויף, זעט מען פון ווייטן פון די גאַסן פון די שטאָט, לאָזן זיך אראָפּגיין פיל מענער מיט די קריגן אויף די קעפּ — וואָרום זיי גייען אַזוי לאַנגזאַם זינגען ווי אין כאָר)

ײ געזעגנטשט דו פרישער העלער מאָרגנשטראַל (דאָס עכאָ) אַ־אַ־אַל!
בײם גרויס פרייד בעגריסט דיך אונזער לידער ווידערהאַל
(עכאָ) אַ־אַ־אַל!

מעגן אַלע מענטשן רוען.
מיר ווילן זיך שוין יעצט בעמיען.
ײ צו ברענגען פריש געטרוקנטע פון דעם ריינעם קוואַל
(עכאָ) אַ־אַ־אַל!

אַזוי זינגענדיק גייען זיי אַרויס פונם טויער פון דער שטאָט — צוגייענדיק צום ברונים, שטעלן זיי אַראָפּ די קריגלעך אויף דער ערד — איינע פון זיין צלה נעמט ביי יעדער דאָס קריגל אין שעפּט אָן וואַסער — זינגענדיק.

צ ל ה — גיב דאָס קריגל דיינס גיב איך שעפּ דיר אָן.
די פ ר יי ל ן — נאַ! דאָס קריגל מיינס נאַ דיר און פיל עס אָן! —
צ ל ה (שעפּט אָן) זעט ווי גך די אַרבייט גייט ביי מיר! —
פ ר יי ל ן פאַר דיין גוטן ווילן, שוועסטער דאַנקן מיר,
אַ ל ע (זינגענדיק טאַנצן) אַך ווי ווער דערקוויקן
אונזער קיל געטראַנק
אַלעס, וואָס איז טריקן.
פון דער היץ פון לאַנג.

מען הערט שטימען פון וויטן זינגען — צ ל ה קוקט זיך צו פון וויטן און זאָגט צו די פריילן: קינדער! איך זע דאָרט אַלטע וואַנדערער קומען אַהער — איר הערט! זיי בעטן אַ קאַפּעלע וואַסער!

אַ ל ט ע (קומען אָן — יעדער שטעלט זיך לעבן איין פריילן און זינגען
ליבע פריילן האָט רחמנות — אוי אַ קאַפּעלע וואַסער!
דורשטיק זענען מיר סכנות —
וואַנדערער זענען מיר פון גאַנץ וויט — אוי אַ קאַפּע־
לע וואַסער.
אַך, דערקוויקט די קרעפטן פון די אַלטע לייט —
פ ר יי ל ן (זינגען) דאָס קענט איר קריגן מיט פאַרגעניגן
זיפּט פון די קריגן, און דערקוויקט אייך, טרינקט אייך אָן
גאַנץ זאַט.

(ווען די פּריילן בייגן זיך די קריגן צו די מיילער פון די אַלטע
לייט, כאַפּט יעדער אַלטער אַרום אַ פּריילן מיט גוואַלט — די
פּריילן ווערן זיך — עס ווערט אַ געשלעג: צוויי אַלטע שלאָגן
זיך איבער איין פּריילן, ביז איינער דערשטעכט זיין געגנער —
איין פּריילן פאַלט טויט דערשלאָגן פון איינעם, און שלעפּן
אַוועק די טויטע פון אונטער דעם פּאַרק — צלה ראַנגלט זיך
מיט איין אַלטן — חבל דערזעט דאָס, כאַפּט זיך אויף צו
פאַרטיידיקן צלהן ער שלאָגט דעם אַלטן און וואַרפט אים צו
דער ערד דער אַלטער כאַפּט זיך אויף און אַנטלויפט — חבל
גרייפט צולהן און שלעפּט זי אַוועק, זיך צו באַהאַלטן צווישן
בערגל און ברונים) — —

לוט (קומט אַרויס פאַרשלאָפן פון זיין הויז — און האַלט אין דער האַנט
אַ קליינעם לאָגל מיט ווייַן). אָנרירן לאָזן זיי מיך נישט די
רשעים. (ער גענעצט און טרינקט) אַי איז דאָס פאַרשייטע לייט
אין דעם סדום און עמורהקע, עס ווערט נאָר טאָג זייבן
זיי שוין אָן זייערע מלאכות: שווינדלען, רויבן, מאָרדן,
זייערע אייגענע און איבערהויפּט פרעמדע (ער טרינקט) איך
האָב נאָר וואָס געוואָלט כאַפּן אַ דרימל האָט מיך דער
רעש אויפגעוועקט, נאָ! און אַז מען כאַפּט זיך אויף מוז
מען דאָך טרינקען! (ער טרינקט) איך קען גאָר נישט צוזען
זייערע שרעקלעכע מעשים — נאָ! און אַז איך האָב קיין
האַרץ צו צוזען מוז מען דאָך טרינקען (ער טרינקט) פאַר-
געסט נישט אַז איך בין אַ טאַטע פון אַזוי פיל קינדער
און האָב זיי אַלע כמעט חתונה געמאַכט. נאָ! מוז מען
דאָך טרינקען (ער טרינקט) — אַלע מיינע טעכטער האָט
מען אויסגעכאַפּט נאָר גראָד אויף די עלטערע צוויי וועלן
נישט קומען קיין אויסכאַפּעניש עס וואַקסט שוין גראָד
אויף זיי נעבעך — אַי אַי! נאָר מיט זיי האָב איך אַ
ביטער געמיט, נאָ! און אַז מען האָט אַ ביטער געמיט
פון 2 דערוואַקסענע טעכטער מוז מען דאָך אוודאי טרינ-
קען (ער טרינקט) הכלל! דער מענטש איז אַזוי געשטראָפט
אַז אין יעדן פאַל קומט אויס אַז ער מוז טרינקען —

שאנסאנעט

1.

(ער פאַנגט אָן מיט דער מעלאָדיע פון „גשם“)!

אַז איינער האָט דערוואַקסענע טעכטער,
אוי אוי אוי יאָ מוז ער דאָך טרינקען!
דעם טאַטן איז דאָך ביטער,
אַ ווייטיק איז דער מיטער,
נישטאָ פאַר זיין קיין בעלנים,
כאָטש שריי חי וקים
ביים האַרצן הייבט אָן קלעמען,
מען מוז דאָס קריגל נעמען,
זיך טרייסטן מוז מען אין אַ שענקל
טרינקען לחיים! —

(מיט אַ פריילעכע מינע)

און אַז ס'קומט די צייט,
יונגע לייט,
הייבן אָן צו זיי צו ווינקען...
מ'פירט די קליפות,
צו די חפאות,
נאָ מוז מען דאָך טרינקען! —
מען בעקומט אַ פריילעך פנים,
מען ווערט גאָר פריש אינגאַנצן,
אַלע יונגע מחותנים,
גייען מיט די יונגע טאַנצן;
און מיר אַלטע,
נעביך קאַלטע
ניסן פון דעם גייעם!...
מודה אני
שפטרני,
ברידער ע לחיים! — לחיים

(ער טאַנצט)

2.

(טרויעריק מיט דעם ניגון פון „גשם").

אַז איינער האָט אַ ווייב אַ צרה,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, נאָ! מוז ער דאָך טרינקען! —
די שטוב איז פול יללות,
מען הערט נאָר זידלען, קללות,
עס איז פון איר נישט אויסצושטיין
כאָטש שריי חי וקים;
איר פּיסק גייט נאָר אויף שרויפן,
מען מוז פון דער היים אַנטלויפן,
זיך טרייסטן מיט אַ גיטן ברודער
— לחיים!

(מיט אַ פריילעך געמיט הונטער!)

און אַז גאָט באַשערט,
אַז זי ווערט
אין דער ערד איינגעזינקען,
די כפרה
ווערט די צרה,
נאָ! מוז מען דאָך טרינקען!
שבעה זעט מען אים נאָך זיצן
לאָזט מען אים נישט רייען...
שדכנים קומען גאַנצע טיצן,
שלאָגן פאָר פּאַרטיען!..
ער נעמט מחילה,
אַ ווילע בתולה;
און מיט דעם וועג דעם נייעם,
טרינקען ביידע
מיט גרויס פריידע,
פון איין כוס לחיים — לחיים (ער טאַנצט)

3.

(סטראָפּע צום פּובליקום)

אַז ס'איז קיין איין דאַמע אין טעאַטער,

אוי, אוי, אוי נאָ! מוז מען דאָך טרינקען! —
עס געניסט דער קאַסירער,
ער לייזט נישט אַפילו אַ פירער,
קיינער קויפט נישט קיין בילעטן

כאָטש שריי חי וקים!

עס מאָנען קרעדיטאָרן
עס קרעכצן די אַקטיאָרן,
קיין גוטער ברודעט וויל אייך נישט זאָגן

לחיים! —

(פריילעך) און אַז מען פילט
ס'הייסט: מען שפילט!
נעמט מען זיך באַלד שמינקען;
מ'הערט אַ קויל:
„דאָס הויז איז פאָל!!" —
נאָ! מען מוז דאָך טרינקען! —
אַלע אַקטיאָרן ביז אין קליינעם
ווערן מונטער פריילעך;
און אויף דער בינע טאַנצן אין איינעם דער בעטלער מיט
דעם מלך!..
און די אַרטיסטן
הערט מען שמועסן
מיט אַ יאָלד אַ נייעם!..
היינט צאָל
איך פאַר אַלע
„פיר שפייז און טראַנק לחיים!" לחיים

(טאַנץ אָב)

צ ל ה (און תבל קומען ארויס ביידע פון אונטן דעם ברונים ווי זיי זיי האבן זיך פארשטעקט —— זיי קוקן זיך אום אויף אַלע זייטן) אָ! ווי
דאַנק איך דיר מיין גוטער תבל וואָס דו האָסט מיך גע-
ראַטעוועט פון דעם אַלטן רויבערס הענט — פון יעצט אָן
וועל איך שוין מער נישט קומען אהער ווי אַלע טעג, דיר
ברענגען אין מיין קרוגל — עסן היינט מיין ליבער ותּבל

איך אַהער קומען צום לעצטן צום ברונים — אין דעם קריגל וועל איך באַהאַלטן אַביסל שפּייז, גאָלד און זילבער מיר זאָלן קענען ביידע פאַרלאָזן אויף אייביק דאָס וואַגאַבונדן-לאַנד.

תבל — ווי קומסטו נאָר אַהער, אַזאַ גאָלדן הערץ אין דעם לאַנד פון רשעים! —

צלה — איך האָב דאָך דיר, דאַכט מיר, שוין דערציילט, ווי איך בין מיט מיין אַלטן פאָטער און מיין איינציקן ברודער געקומען אַהער מיט אַ יאָר צוריק — מיר האָבן מיטגעבראַכט אַ רייכטום; נאָר די שטאָט — וועלף די שפּיאָנען, וואָס טאַנצן אויס אַלע לעכער און ווען זיי דערשמעקן אַן אומשולדיק אָפּפער ברענגען זיי צום איבערקויפן הייסט מען זאָל עס אָפּשינדן; האָבן מיין פאָטער באַשווינדלט פון מיר זענען געבליבן ברויטלאָז — מיין איינציקן ברודער האָבן זיי ערמאָרדעט... מיר ווייסן נישט וווהין ער איז אַהינגעקומען... און מיין אַלטן פאָטער האָט מען מיר געבראַכט טויט צו מיינע פיס!.. מיך האָט מען געבייט איך זאָל מוזן אַ כלה ווערן פאַר דעם פאַרזעעניש דעם טויבן שופט פון סדום. מאָרגן דאַרף זיין מיין חתונה — נאָר היינט ביינאַכט מוזן מיר זען אַוועק פונדאַנען —

תבל — גיי, צלה, און זעם נישט! האָסט רעכט! — מער קענען מיר דאָ נישט בלייבן — איך האָב זיי אויך נעמוזט מיין גוטס אַוועקגעבן אַבי צו ראַטעווען מיין נאַקעט לעבן — ווען דו וואָלסט נישט געוועזן מיט מיר מיטלייד געהאַט און מיר יעדן טאָג אַרויסברענגען אינגם געהיים אין קרוגל אַ שטיקל ברויט וואָלט איך דאָ געוועזן דערגאַנגען פאַר הונגער — נאָר דו שטייסט דאָ, אויך אין אַ סכנה. אַז מען וועט געוואָר ווערן אַז דו שטיצסט איין אָן עמיגראַנט; דען נאָך זייערע געזעצן פון דעם לאַנד איז דאָס פערבאָטן אונטער דעם שטראָף — דעריבער קום שנעלער און היט זיך גוט — לאָמיר אַוועק! די וועלט

איז גרויס! מיר וועל'ן געפינען אין דער וועלט מענטשן
מיט בעסערע הערצער. —

צלה — יאָ מיין ט'יערער (זיי זינגען א דועט).

תבל (סאָלאָ)

מיר מוזן ווי שנעל דאָס שלעכטע אָרט פאַרלאָזן אצינד,
דעס אָרט וואָס איז פיל מיט זינד:
איין אָרט — פיל מיט רשעים,
איין אָרט — פיל מיט חטאים,
אָן יושר, אָן רחמנות,
אויף יעדן שריט סכנות,
ווי דער מענטש קען מיט זיין לעבן אויך נישט זיכער זיין,
קען נישט זיכער זיין! — (צלה ווידערהאָלט)

תבל און צלה צוזאַמען.

יאָ! מיר מוזן זיך פאַסן,
יאָ, מיין טייערער שאַץ,
מיר מוזן ביידע פארלאָזן
דאָס שרעקליכע זינדיקע פלאַץ! —
יאָ! מיר מוזן זיך פאַסן,
יאָ, מיין טייערער שאַץ! —
מיר מוזן שנעלער פערלאָזן,
דאָס שלעכטע, אומרעכטע, זינדיקע,
אומריינע יאָ אויך פון גאַנץ פערשאָלטענעם פלאַץ! —
יאָ! די וועלט איז גרויס און מענטשן לעבן דאָרט פיל,
אָבער מענטשן מיט הערצער, יאָ מיט הערצער און געפיל;
נאָר אהין, נאָר אַהין איז אונזער ציל!..
כ'וואָלט געוואָלט דערלעבן דאָרטן שוין צו זיין!

צלה — אָבער נאָר מיט דיר!

תבל — אָבער נאָר מיט דיר!

צלה — טאַקע נאָ דו מיט מיר!

תבל — טאַקע נאָ דו מיט מיר!

ביידע — וואָס פאַר א בעסער גליק קען דען זיין,
לאָמיר זשע מיין ליבער,

די געצײלטע שטונדן, לענגער, לענגער נישט פארציען,
לאמיר זען מײן ליבער
גיכער און װי שנעלער פון דעם װיסטן לאנד צו פליען
זאפארט, זאפארט.
פון דעם ארט! — — — יא!
לאנג איז מיר שױן די מינוט און צײט,
כ׳זאל מיך זען מיט דיר צוזאמען װײט העטװײט!
װײט, װײט פונדאנען, װײט זער װײט —
(צלה לױפט אװעק דורך דעם טױער אין שטאט ארײן)
תבל — נאך א קורץ שטיקל צײט מוז איך ליגן דא פארשטעקט
און דערװארטן דעם גליקליכן מאמענט װען מײן צלה
װעט קומען מיך בעפרײען פון דעם גיהנם — הא! מ׳גײט
(ער באהאלט זיך אונטערן ברוגים)
לוט און עירית (קומען ארױס פון זײער הױז — ער טראגט א
קריגל װײן און זי א קרוג אנצונעמען װאסער).
עירית — נא װאס װעט זײן לוט? װאס! הא? —
לוט — „װאס װאס הא?" — איך האב דאך דיר געזאגט און
געזאגט א סך מאל: „אי טעכטערל פון חוה, זײ נאר
נישט טשיקאװע!" דען אז דו העסט אלצדינג װעלן װיסן
װעסטו צום ערשטן מאל גרא װערן צום צװײטן מאל —
געזאלצן װערן און צום דריטן מאל — די כפרה װערן —
עירית — איך קען אבער נישט אױסהאלטן, אױסהאלטן פון
אונזערע טעכטער הא? — זײ לעכערן מיר דעם מח, עס
איז פשוט א רחמנות איך זײ הא? — װי לאנג
קענען זײ נאך װארטן װארטן הא? זײ זענען שױן אין
די יארן הא?
לוט — זײ װעלן אזױ לאנג װארטן ביז װעלן װידער יונג
װערן — דו פלעצל. װער האט דיך געבעטן דו זאלסט
האבן אזױנע צװײ פארשטעקטע מײדן? פאר װאס
הא? — זעסט דאך אז אלע האט מען בײ אונז אױסגע-
כאפט. נאר אױף זײ װיל נישט קומען קײן אױסכאפעניש —
עפעס װײסט זײ דער רוח, עפעס מוזן זײ זײן אן זאך

ווי זייער מאַמע — ביחאַי וואָלסטו געווען אַליין אויס־געכאַפּט געוואָרן, איידער צו ברענגען אויף דער וועלט אַזעלכע צוויי נפשות, —

עירית — וואָס וואָס וואָס בין איך שולדיק — שולדיק איז דיין טרינקען האַ? —

לוט — באָם! — אָט האָסטו דיר אַ משל! — באָם, גראָם, שטראָם! מיר וועלן פרעגן דעם שופט צו איז שולדיק מיין טרינקען, צו דו ביסט שולדיק מיט דעם וואָס דו ביסט ניכטערן און פּיסנע! — — גיי גיי שעפּ דיר אָן ריין וואַסער (זי לאָזט זיך גיין צום ברונים) און אפשר שטראָפט גאָט אונזערע טעכטער איבער דיר, דו ביסט דאָך אַזאַ כלבתע, אַזאַ מרשעת ווי אַלע סדומער און אַמעריקאַנער; ווייל מאָל האָבן דיך געבעטן מיינע אורחים, זאָלסט זיי געבן אַביסל זאַלץ צום ברויט און דו האָסט זיי נישט געוואָלט געבן? —

עירית — (דערזעט פּלוצלינג ביים ברונים אַ יונגן מאַן — תבל, זי שרייט מיט פרייד צו לוטן) לוט לוט לוט קום אַהער!

לוט — (גלייכגילטיק) צום וואַסער, אַז מען רופט מיך גיי איך נישט!

עירית — (מיט אַן אומגעדולדיקער איבעראַשונג) לוט לוט אַ יונגער מאַן אַ יונגער מאַן האַ? —

לוט — צו ביזטו משוגע! ווי האָסטו אין ברונען אָנגעשעפּט אַ יונגען מאַן?

עירית — ליגט נעבן ברונען באַהאַלטן, באַהאַלטן האַ? —

לוט — איז ער לעבעדיק? —

עירית — לעבעדיק, יונג און שען האַ, האַ!

לוט — נו! מוז מען דאָך טרונקען (ער טרונקט),

עירית — וואָס טרינקען, קום גיכער, גיכער אַהער! —

לוט (צוגייענדיק קאַלט) נעבעך! — ער שיינט צו זיין אַ פרעמדער ענטוו דער די שטאָט־לייט האָבן אים שוין לאַנג אָפּגע־סמאַלעט, אָדער זיי וועלן אים ערשט נעמען צום סמיק!— אנאַ! לאָמיך אים נאָר מקבל־פּנים זיין! (ער קומט צו נענטער צו תבלן) ע! יונגערמאַן! שלום־עליכם!

לוט — (גיבינדיק אים די האַנט, הייבט ער אים אויף) אין אייער שלום־עליכם פיל זאיך, אַז איר זענט פּאַרטריקנט — ווילט איר אַביסל פון דעם פריילעכן נאַסן?... ער ווייזט אים דעם ווייַן

תבל — מיין ליבער הער איך... אין אַ פאַרלעגנהייט

לוט — לאָזט אים נישט קומען צום וואָרט כ׳פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי! איך דערקען אין אייך, אַז איר זענט אַ פרעמדער — ווילער יונגערמאַן! — אַ שאָד, כ׳לעבן, אַ שאָד! — ווייסט, מיין ליבער, אַז איר זענט דאָ נישט גוט געפאַלן! — די איינוווינער פון די שטעט זענען טבע שלעכטע מענטשן, דאָס לאַנד איז דווקא רייך אין אַלעמען. האָבן זיי מורא, אָדער זיי פאַרגינען נישט, אַז אַ פרעמדער זאָל פון דעם געניסן — אַ פרעמדער האָט, אין דעם הפקר לאַנד, קיין רעכט! — איך וואוין דאָ אויך ערשט אַ יאָר און ווען מיינע טעכטער וואָלטן ניט דערטאַפּט מענער פון די היגע שטאָט־שגצים, וואָלט איך דאָ אויך נישט געוועזן אַ מינוט — פאַר אייך יונגערמאַן איז נאָך דאָ איין וועג, איר זאָלט דאָ נישט נאָר אומקומען, נאָר גליקלעך ווערן — צו עירותן האַ? וואָס זאָגסטו?— און דאָס הענגט אָפּ נאָר פון מיר — איר זענט מיר פונם ערשטן אויגנבליק שטאַרק געפעלן, אַז איר וועט מיך שטאַרק בעטן, קען איך אייך אַריינעמען צו מיר אין שטוב פאַר אַן איידעם — איך וואָלט אייך געגעבן איינע פון מיינע צוויי טעכטערלעך, איך זאָג אַ טעכטערל, אַ צאַצקעלע, אַ פּופּעלע אַ (ער טוט אַ זופּ פון פלעשל און באַלעקט זיך) אַ מציה.

עירית — גיב אים ביידע, לוט האַ!

לוט — האָב צייט צו דו פערשימלטע — לאז ער מיך פריער גוט בעטן. —

תבל — (אין א שרעקליכער פערלעגנהייט) מיין ליבער הער! איר וועט מיר ענ...

לוט — כ׳פערשטיי, כ׳פערשטיי! איך וועל דיר נאָך געבן אַביסל

[illegible] איך, פעטעלע נים ווייןֿ, און אז איך וועל מיט דיר צופרידן זיין, וועל איך דיר שענקען אן א מתנה! — וואס? — זאל איך דיר זאגן? — טאקע דיין כלה'ס א שוועסטערל, וועסטו האבן צוויי צאצקעלעך פון פעלען!

תבל — (אין א פערלעגנהייט) איר זעט זייער גוט איר מוזט אבער א...

פרט — כ'פארשטיי, כ'פארשטיי! איך מוז דיר געבן נאך עט־ליכע שאף, פערד קעמלען אייזלען, דאס פארשטייט זיך אליין איך האב גענוג איך בין רייך — וואס זאגסטו עדית הא? —

תבל — מיין ליבער הער! איך בעט אייך א...

לוט — כ'פארשטיי, כ'פארשטיי! דארפסט מיך נישט בעטן — אט אט קומען זיי טאקע ביידע אריין — שטיי און זע און באוואונדער דיין מזל! —

דקלה (די עלטערע טאכטער — אונגעווייגליך לאנג און מאגער א [illegible] דארע נאז מיט א כינעזישע קרומא ברעם).

צקלה (איר יונגערע שוועסטער קליין געוואקסן פעט און ברייט מיט א ברייט לאכנדיק מויל — ביידע טראגן זיי אויף די קעפ גרינע יארמעלקעס אין וועלכע עס שטעקן בוקעטן בלומען — אויף די העלדזער קרעלן מיט טייערע שטיינער און פערל געשטיקט — שיינע גארטלען — זייערע קורצע קליידער זענען געגייט פון גרינע באלמאנבלעטער — אויף די הענט גרויסע גאלדענע אוירינגלעך אין די אוירן — אין די הענט האלטן זיי שטעקנס — זיי קומען אריין ביידע זינגענדיק).

מיר — די שוועסטערלעך, שוועסטערלעך צוויי.

זענען [illegible]

אויף אלע מענער!...

מיר קענען אלערליי, אלערליי!

נישטא קיין רעפעס ביי זיי:

איינער איז גאר דיק אזוי ווי א פאס!...

איינער האט א קויל אזוי ווי א באס!...

איינער האט א נאז אזוי ווי א טראמייט!

איינער איז פֿאַרשעמטע,
איינער — סטיל־שוואַטע,
איינער בייגט די זייטן ווען ער גייט! —
אייך איר מיידלעך אַלע,
פֿרעגן מיר אַ שאַלע,
זאָגט אַליין —
דאַרף מען הייראַטן — אפשר גאָר ניין — אָדער לעבן גאָר אַליין —

טראַלאַלאַ... (טאַנצט)
מיר די שוועסטלעך,
שוועסטערלעך צוויי,
זענען קעגער,
אויף אַלע מיטער:
מיר קענען אַלערליי, אַלערליי,
ס'איז דאָ אויך רעכטס ביי זיי! —
איינער איז געזונט אַזוי ווי אַ ריז,
איינער — שטאַרק געוואַקסן אַזוי ווי אַ שפּיז,
איינער איז אַזוי ווי אַ מלאָך שיין,
איינער איז אַ זיגער
איינער איז אַ קליגער,
איינער האָט אַ גאַנץ האַרץ און מלא חן: —
אייך, איר מיידלעך אַלע,
פֿרעגן מיר אַ שאלה:
זאָגט אַליין!
זענען אונזערע הערצער דען פֿון שטיין,
אָפּ צו לעבן די וועלט אַליין:
טראַלאַלאַ... (טאַנצט)
(זיי פֿאַגריסן פֿון ווייטנס תּבֿל'ן ═ ער שטייט פֿאַרצווייפֿלט)
לוט (צו עירותן) דו זעסט, ווי ער איז איבעראַשט געוואָרן? — ער איז געבליבן ווי אַ שטיין! — (צו תּבֿל'ן) נישט אמת, אפשר, וואָס איך האָב דיר געזאָגט? — צאַצקעלעך, פֿו־פּעלעך! זיי בליִען שטענדיק ווי דער פֿרילינג אייביק יונג

און אייביק גרין איר זעט ס׳וואקסט אזש גראז אויף זיי
(צו די טעכטער) נא! קיקעלעך מיינע! צו אייער טאטן האט
איר יעצט גארנישט — איך האב אייך אפגעזוכט א חתן —
יעצט לאזט מיך געמאכט — אנגיילן זיך מיט אים דאס
איז שוין אייער זאך! —

תבל (שמערצליך) מיין ליבער הער א...

לוט — כ׳פארשטיי, כ׳פארשטיי! איך דארף נישט דו זאלסט
מיר דאנקען — א יא, עירית! מיר גיבן אייך אונזער
ברכה — און דאס אייבעריקע איז אייער זאך — מיר וועלן
שטיין פונדערוויטנס און שעפן נחת, ווי זיי וועלן אים
אויסרעכענען זייערע מעלות — אנא קוקלעך נעמט אייך
אים און גייט!

דקלה און צקלה — אין דער גאנצער צייט ליעבאייגלען מיט תבל׳ן
פון זיינע ביידע זייטן, וועלכער שטייט אין א פערלעגנהייט און קען
זיך נישט אויסדרייען פון זייערע הענט — זיי שלעפן אים צו מיט גוואלט
צו דער דאמפע — דקלה האלט אים ביי דער רעכטער האנט —
צקלה — שטארק ביי דער לינקער). (זינגען).

1.

דקלה — ווען דו וועסט נאר זיין מיין ליבער מאן,
וועסט זען, וועסט זען ווי דו וועסט זיין צו פרידן!

צקלה — ווען דו וועסט נאר זיין מיין מאן,
וועסט זען, ווי דו וועסט גליקלעך זיין!

דקלה — כ׳וועל דיר מעלקן אלע ציגן,
וואס וועט זיין אין שטאל ביי דיר,

צקלה — און איך וועל די קינדער פערוויגן,
וואס האבן וועל איך גאר מיט דיר — יא יא,

2.

דקלה — ווען דו וועסט גאר זיין מיין ליבער מאן
וועסט זען, וועסט זען ווי דו וועסט גליקליך לעבן —

צקלה — ווען דו וועסט גאר זיין מיין מאן,
וועסט זען ווי גליקלעך דו וועסט זיין. —

ל ה — איך וועל קאָכן נאָר אַ ווינדער,
עסן בעסער פון ד״ר! —
ק ל ה — און איך וועל נייען אונזערע קינדער
קליידעלעך אָן שיעור — יאָ, יאָ...
ב ל — כ׳דאַנק איך ביידע, מיינע ליבע מיידן,
כ׳גלייב איך, וואָס איר זאָגט מיר צו! —
פאַרניצט דאָס אַלעס אייך אין פריידן!
נאָר, איך בעט אייך — לאָזט מיך צו רו! —
בריות זענט איר גאָר די פיינע:
דו צו קינדער און דו — צום טאָפּ!
איך צו אייך האָב נאָר איין טענה:
דולדעט מיר, גרילצט מיר נישט מיין קאָפּ! —
ד ק ל ה, צ ק ל ה — (אבוועסעלעט קום צו מיר).
גיין דו וועסט נישט פון אונז לאַכן
ביין דו וועסט נישט חוזק מאַכן,
זיי נישט גרויס, און זאָג אַרויס דאָס גוטע וואָרט דו
בחור פיינער!
זיי שוין, זיי אויף אייביק מיינער! —
ת ב ל — שאַט!! — שאַדע אייער בעטן, שאַדע אייער מי,
טוט מיר צוליב און קוועלסט מיך נישט, לאָזט מיך
צו רו!
ד ק ל ה צ ק ל ה (ווידערהאלן פון 2 ביז אין דערשטעל׳מע זינגען זיי ווייי
טער אבוועקסלענד פון ביידע זייטן אים ש עפנדיקע צו דיר).
גיין ביין דו וועסט נישט גיין,
מיינער, מיינער אויף אימער!
קום אַריין צו מיר אין צימער!
מיר וועלן אַ מאָלצייט געבן,
וועסטו וויסן פון אַ לעבן!...
טאַטע מאַמע — טאַטע מאַמע.
ל ו ט מיט ע י ר י ת ן (פאלען אויך אריין מיט זיי און זינגען)
שלעפּט אים דעם יונגן מאַן,
גלייך צו אונז אין שטוב אריין! —

(זיי שלעפּן אים אריין אין לוטס הויז — אַלע ווערן פאַרשוווּנדן).

ת ב ל לויפט צוריק אַרויס

צ י ל ה (קומט אים אנטקעגן)

קום לאָמיר לויפן (מען כאַפּט זיי)

די פּאַראַדע

(די מוזיק שפּילט א מאַרש — פון די גאַסן דער שטאָט סדום, זעט מען גיין איין צוג אין פאָלגענדער אָרדנונג. קינדער גייען פּאַרויס, טראָגענדיג אין די הענט גרינע צווייגן — נאָך זיי, קינדער טראָגנדיג פאַרביגע פּעכערס אויף לאַנגע שטעקענס— מעדכען, טראָגן אין די הענט, איין טריאַנגעל אין קלינגען, פּויקן, א טאַץ מיט א האַמער, א האַרפּע — א רייע מענער וואָס טראָגן אויף לאַנגע שטעקנס אפּן — אַנדערע טראָגן שלענג — נאָך זיי צוויי מענער, וואָס טראָגן דאָס סדם-בעטל — נאָך זיי די צוויי רויטע פּאָליציי-לייט פּוט און לויט, זיי טראָגן אין די הענט גרויסע שטעקנס אויפן שפּיץ א קנאָפּ — נאָך זיין טראָגן צוויי אַראָבער א קאַסטן מיט א באַלדאַכין פון אויבן אין וועלכן עס זיצט דער **ש ו פ ט** — נאָך דעם גייען צוויי אַלטע לייט, וואָס טראָגן איז די הענט ווייסע פּירעקיגע מאַרמאָר-טאָפּעלן מיט שוואַרצע לאַנגע גריפלען צום שרייבן — דעם שופט זעצט מען אַנידער אויף דער שטיינערנער שטול, וואָס שטייט לעבן טויער פון ביידע זייטן שטייען די אַלטע מיט די טאָפּלען — דאָס בעטל אין דער מיט נעבן דעם פּאַרק — דער איבעריקער עולם שטעלט זיך אין דער אָרדנונג — די טענצער גייען א טאַנץ — נאָך דעם טאַנץ הייבן אויף)

פּ ו ט און ל ו ד (זייערע שטעקנס און טוען א געשריי) **עס לעבן אונזער שופט! —**

אַ ל ע — הידד! —

דער שופט (פרעגט) **הא? —**

פּ ו ט און ל ו ד — (שטעלן זיך פון ביידע זייטן שופט יעדער רוימט אים עפּעס איין אין אויער — אזוי טוען זיי יעדע מינוט ווען עמיצער

דאָרף עפּיס זאָגן

דער שופט פרעגט: צו האָט עמיצער עפּעס אַ אָנקלאַגע!

ערשטער עמיגראַנט (שלעפּט צו אסדמ׳ער) איך האָב געבראַכט פאַר אייך דער מערדער איר זאָלט אים בעשטראָפן — דער טיראַן האָט אַזוי לאַנג געשלאָגן מיין שוואַנגערע פרוי ביז זי האָט מפּיל געווען אַ טויט קינד — נישט גענוג, וואָס מיין קינד איז דערהרגיט געוואָרן, האָב איך מיין פרוי נ׳שט מיט וואָס צו קורירן זי ליגט געפּער־לעך קראַנק! —

פּוט און לוד — (רוימען עפּיס איין דעם שופט אין ביידע אוירן)

מגוג — אויב אַזוי איז גוט! —

פּוט (פרעגט דעם סדומער) דער שופט פרעגט דיך צי איז דאָס אמת? —

סדומער — אמת! — נאָר פון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסן, אַז איך וועל זיין ווייב אַ ריר טון וועט זי באַלד קראַנק ווערן? די פרעמדע בעטלערס אַז זיי קומען צו אונדז אין לאַנד ווערן זיי אַזוי צופּיעשטשעט, אַז קוים רירט מען זיי אָן ווערן זיי באַלד קראַנק און טראַכטן אויס אויף אונדז בראָווע עמורהקאַנער בלבולים אַבי צו צאַפּן פון אונדז געלט! —

פּוט (נאָכדעם ווי ער האָט עפּיס איינגערוימט דעם שופט) דער שופט האָט געפּסקנט: אַז דערפאַר, וואָס דו ביזט זיך מודה אויף דעם אמת באַפרייט ער דיך פון דעם געלט־שטראָף, נאָר מיט דעם תנאי, אַז דעם שאָדן מוזטו דעם עמיג־ראַנט אויסשטען — אַזוי ווי ער האָט נישט מיט וואָס זיין פרוי צו קורירן מוזטו זי נעמען צו זיך, און אַזוי לאַנג זי האַלטן ביי זיך אינדערהיים, ביז דו וועסט זי אים אָפּגעבן צוריק געזונט און מיט אַ פרייש לעבעדיק קינד! —

עמיגראַנט — גיוואַלד! וואָס הערט איר טיראַנען מיין גע־ליבטע פרוי — אַזוי פּסקנט איר אַ גוטער שופט, אַזאַ יאָר אויף אייך!

שופט — אויב אַזוי איז גוט! —

פוט און לוד — קינדער! ער באַליידיקט אונזער שופט! פאַרשטעקט אייך די אוירן! (אלע פאַרשטעקן זיך די אוירן)

עמיגראנט — ווי האָט מען קיין רחמנות.

פוט און לוט — רחמנות? (מען נעמט אים צום שלאגן און מען וואַרפט אים ארויס — אלע שטעלן זיך ארום איין קרייז ארום דעם שופט און סודין זיך — אין דער צייט זעט מען ארויסגיין).

נבל (מיט לוטן צוזאַמען שכור פון זייער ווייננג) דאַנקען גאָט איך האָב מיך אויסגעגאַרט פון זייערע הענט — אָ! ווי דערלעב איך שוין מיין צלה זאָל קומען מיר זאָלן קענען גיכער פון דאַנען אוועק צו לוטן אַיאָ מחותן לעב! דאָס גלייכסטע איז נאָר טרינקען און טרינקען! — קומט לאָמיר זיך זעצן דאָרטן נעבן דעם ברונען, וועלן מיר קענען רויק זיצן און טרינקן, קיינער זאָל ביי אונדז נישט אויסכאַפּן —

לוט (פין די פיס פאַלנדיק) דער ברונען האַלט וואַסער — איך האַלט ווייַן — דו האַלטסט מיך — מיינע טעכטער האַלטן דיך! — האָסט נאָך געהערט אַזאַ חכמה פון אַ מחותן? — נאַ! טו זשע נאָך איין זיפּ פונם קריגל. אלא נישט באַקומסטו נישט פון מיר אפילו אַזאַ פּיצעלע סעכטערל — ניין, ניין כ׳האָב נאָר געטריבן קאַטאָוועס! נעם זיי דיר ביידע און לאָז מיך צורו (זיי זעצן זיך ביידע אויף דער ערד נעבן דעם ברונען לוט זיפצט אַזוי לאַנג ביז ער ווערט געשמאַק אנטשלאָפן

פוט לוד — דער שופט פרעגט ווער פון אייך האָט נאָך אַ קלאַגע?

שופט - אויב אַזוי איז גוט! —

צווייטער עמיגראנט (קומט אריין צעבלוטיקט דעם קאָפּ און פירט מיט זיך איין עמורהקאַנער) גערעכטער שופט! דער מענטש האָט מיר אָן אַ פאַר וואָס אַ האַק געטון אין קאָפּ — זעט עס רינט בלוט!

פ ו ט (רוימט פריער איין דעם שופט אין אויער) דער שופט פרעגט —
ביזט אַהיגער אָדער אַ פרעמדער ?

עמיגראַנט — אַ פרעמדער ! — נאָר איך ווין שוין דאָ אַ
שטיקל צייט.

פ ו ט — דער שופט זאָגט. —

שופט — אויב אַזוי איז גוט ! —

פ ו ט (שרייט הויך) אַז דו ביזט יאָ דאָ אַ צייט ווי קומסט דאָס,
אַז דו זאָלסט נאָך נישט וויסן די געזעצן פון דעם
לאַנד ? אַז איינער האָט דיר בלוט געלאָזט דאַרפסטו אים
באַצאָלן ווי אַ רופא פאַר בלוט לאָזן ! —

עמיגראַנט — אַזוי איז דאָס געזעץ ? — מוז איך נאָך אים
באַצאָלן, וואָס ער האָט מיר בלוט געלאָזט ?

אַלע — יאָ, יאָ, יאָ ! (דער שופט שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין" אין
מיטן מויל שרייט ער יאָ !)

עמיגראַנט — זער שען ! — נאָר אַזוי ווי איך האָב דאָ
גראָד נישט ביי מיר קיין געלט וועט דער שופט אַזוי
גוט זיין און אויסצאָלן פאַר מיר ; ווייל פון אים קומט
מיר איך פונקט אַזויפיל געלט פאַר דעם בלוט וואָס איך
לאָז אים (ער טוט דעם שופט אַ האַק אין קאָפּ)

שופט — אויב אַזוי איז גוט ! — (עס ווערט אַ געוואַלט צווישן
עולם — מאַנכע וואַרפן דעם עמיגראַנט אַרויס מאַנכע שטייען און בונדן
צו דעם שופטס קאָפּ מיט אַ טוך — ווערענד אַלע זענען פאַרנומען
מיט דעם שופט קומט אָן)

צ ל ה (קוקט זיך אַרום קיינער זאָל נישט זען געט צו שטיל צו תובלן)
ת ו ב ל ! קום שנעלער ! דאָ אין קרוג האָב איך אַלעס נויטיגע
קום ! — (און ווערענד זי נעמט אָן ביי דער האַנט לויפט אונטער)

ל ו ד (וואָס האָט זי שפּיאָנירט די גאַנצע צייט — און כאַפּט זי אָן ביי דער
די האַנט) האַ האַ ! איר זענט דאָ ? —
געערעכטער שופט ! — דאָס מיידל האָב איך שפּיאָנירט, זי
טראָגט דעם פרעמדן אַרויס ברויט יעדן טאָג, יעצט האָט
זי געוואָלט מיט אים אַנטלויפן און אים געשטאָפּט מיט
געלט ! —

אלע (שרייען) **אָוואַ!**

שופט (קוקט זיך צו) צלה? אויב אַזוי איז גוט! דאָס איז דאָך מיין צלה? מיין כלה! לאָזט זי אָפּ זאָג איך אייך! דאָס איז דאָך מיין כלה! —

פוט — אַזאַ שופט ביזטו, וואָס דיך אַרט נישט, אַז מען מאַכט חוזק פון די הייליקע געזעצן פון אונזער לאַנד! דאָס מיידל וועלן מיר אַליין משפּטן! —

שופט — אויב אַזוי איז גוט! — זי איז מיין כלה איך לאָז נישט!

פוט — טאַפּפּערע און בראַווע מענער פון סדום און עמורה! אַראָפּ וואַרפן זאָלן מיר דעם שופט און אַרויפזעצן אַ נייעם! —

שופט — אויב אַזוי איז גוט! —

אַלע (אינגאייגעם) וואַרפט אים אַראָפּ! (זיי שלאָגן אים און וואַרפן אים אַרויס),

לוד — בראַווע און טאַפּפּערע בירגער פון סדום און עמורה, דאָס פּאָרל וועלן מיר אַליין משפטן — בינט זיי!

תבל — טוט מיט מיר וואָס איר ווילט — נאָר דאָס אומשולדיק ליבעס קינד לאָזט לעבן!

פוט — דו דאַרפסט אונדז נישט דיקטירן וואָס צו טון — דיין לעבן גיהערט צו אונדז. און אירס אַוודאי — איינס קענען מיר אייך צוליב טון — אַזוי ווי איר זענט ביידע געווען פאַרליבט און געווייס געוואָלט הייראַטן — וועלן מיר אייך אַצינד חתונה מאַכן אויף אונדזער אַרט און געברויך. —

לוד — דאָס ליבע קינד, וואָס האָט אַזאַ זיס הערצעלע — וועלן מיר אויסשמירן מיט האָניק, און זי אַרויפשטעלן אויפן דאַך אַז נישט נאָר יונגע לייט, נאָר אַלע פליגן און בינען זאָלן זי קושן. —

פוט — און אַזוי ווי אַ חתונה אָן ליכט גייט נישט, וועלן מיר דעם יונגען מאַן אַרומוויקלען מיט שטרוי אים אָנצינדן, ער זאָל ברענען פאַר אַ פאַקעל! —

צלה — האַט מיטלייד! —

כאָר — האַ! מיר האָבן זי געכאַפּט מיר האָבן זי דערטאַפּט כאַ: כאַ! כאַ! האַ! מיר האָבן זיי דערטאַפּט, און ריכ־טע גאָר אַליין, האַסט זיי רייסט זיי, בייסט זיי.
רחמנות? קענגן אונזערע געזעצן פון דעם לאַנד! —

צלה (סאָלאָ) וואַרט נאָר אויס, וואַרט אַביסל אויס! — אייך אין דאָך אַלץ איינס! איידער איר וועט אונדז דאָ אומברענגען — הערט נאָר איין וואָרט. —

כאר — (ווידערהאַלט) האַ! א. א. וו.

צלה (סאָלאָ) וואָס וועט אייך דערפון אַרויסקומען, אַז איר וועט אונדז פאַראורטיילן צום טויט? מיר וועלן ביי אייך זיין אייביקע שקלאַפן, אַבי נאָר שענקט אונדז דאָס לעבן.

כאר — (ווידערהאַלט) האַ! א. א. וו.

צלה — אוי אוי האָט רחמנות ס'איז אַ שאָד יונג, אַזוי יונג פון דער וועלט צו גיין.

כאָר — זי זוכט מיטלייד ביי אונז? מיר וועלן דיר ווייזן וואָס רחמנות הייסט? (אַלע מאַרשירן, דער צוג באַוועגט זיך ווי פריער פריילעך)

איינער וועט אונטערפירענס נעמען ביי די לייט? — מיר וועלן אַלע יעצט אין איינעם די מחותנים זיין, טראַ־לאַלאַ! —

(דער צוג לאָזט זיך אַריינגיין אין טויער תבל און צלה שליסט דעם צוג געשלאָסן אין קייטן, זיי גייען אַרויף אויף די בערג און פערלירן זיך אין די שטראָסע.)

לוט (כאַפּט זיך אויף פון דעם שלאָף און רייבט זיך די אויגן) וואָס איז דאָ פאַר אַ ליאַרם? דאָס איז שיכורים! — אַפילו אויס־שלאָפן לאָזן זיי מיך נישט — דו פאַרשטייסט חתן מייגער! ווו איז מיין חתן? —

איינער פונם פאָלק (קומט אַריין) דיין חתן האָט שוין חתונה געהאַט מיטן מלאך המות — מ'האָט איב געכאַפּט.

לוט — וועמען? דעם מלאך המות? נאָ מוז מען דאָך טרינ־קען! —

אײנער — נײן, אײער חתן, ער האָט געוואָלט ענטלויפן מיט
א מײדל:

לוט — מיט אַ מײדל? (ער טרינקט)

אײנער — און דאָס מײדל איז געװען דעם שופט'ס כלה
(אב)

לוט — דעם שופטס כלה? (ער טרינקט) װי האָט ער געמעגט
אַנטלויפן? —

---

*) אנפאנגס האָט צ ל ה אויף דער שטעלע געזונגען דאָס פאָלגנדע ליד:

ליכטיקן זון; װי קענסטו שטײן דאָרט!
און קוקן אַראָפּ אויף דער זינדיגער שטאָט?
װי עס איז נישטאָ קײן פּלאַץ און קײן אָרט,
װאָס איז נישט פאַרפלעקט מיט אומשולדיגע בלוט!...
פאַרשטעל דײן פּנים! דײן אויג פאַרמאַך!!
אַזוינע רציחות איז שרעקליך צו זען,
אויס װעלט זאָל װערן — גאָר פינסטער מאַך!
פינסטער און װיסט װי זי איז געװען! —
צו גאַנץ איז נאָך, הימל! דײן װײך האַרץ?
עס איז נאָך נישט צעריסן געוואָרן אין צװײען אין צװײען
פון שרעקליך געװײן, פון מאַטער פון שמערץ,
װאָס דו הערסט פון דער ערד צו דיר ארויפגײן. —
װאַרף אַראָפּ הימל! דײן גרויסע דעק!
אויף שטויב צובײס אַלעס, װי מיט אַ שטײן, —
אַלעס, װאָס לעבט דאָ, װיש אָפּ! — פאַרמעק!
אויס װעלט זאָל װערן — װי ס'איז געװען! —
אַ מצוה אויף דעם כלב! — מיט מײנע טעכטער ד־האָט
ער נישט געוואָלט ענטלויפן — װאָס ער האָט געמעגט,
איך װאָלט אים נאָך געװען צו געצאָלט — נאָר אַזוי
איז דער זינדיקער מענטש עס געפעלט אים דאָס װאָס מען
טאָר נישט װאָס פאַרבאָטענע שמעקט זיס — אוי חוה,

חוה! איבער דיין פערבאָטן עפּעלע ליגן פיל אין דער ערד! —

(ער זינגט) — שאַנטאַנעט : „דאָס פאַרבאָטענע אַפּעלע".

1.

אוי חוה מיט דער שלאַנג!
די מענטשן טוען מיר באַנק!
איבער דיין עפּעלע,
ליגט זייער קעפּעלע,
טיף אין דער ערד פון לאַנג. —
גאָט האָט דיך פאַרהיט;
אַז עסן מעגסטו נישט
פון אַלע פּירות
איז קיין עבירות
נאָר פון איין בוים נישט!...
האָט זיך דיר פאַרגלוסט דאָס עפּעלע, דאָס עפּעלע,
דאָס פאַרבאָטענע עפּעלע, עפּעלע!
דאָס האָט אַלעם געשאַט:
מ'שטאַרבט שוין פאַר דער צייט —
זייט זשע נישט טשעקאַווע
ווי אייער מוטער חוה.

2.

אוי חוה, מיט דער שלאַנג!
דער קאַסירער טוט מיר באַנק
איבער דיין עפּעלע
ליגט זיין קעפּעלע
טיף אין דער ערד פון לאַנג:
ביי אַ גרויסן גביר אַליין
איז ער קאַסירער געווען
האָט ער אַ קאַפּעלע
געמאַכט: כאַפּ-לאַפּעלע...
און מען האָט גראַד דערזעען!...
ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט דאָס עפּעלע, דאָס עפּעלע,

דאָס פאַרבאָטענע עפּעלע, עפּעלע...
דאָס האָט אים געשאַט,
ער זיצט אין קרימינאַל אַ צייט,
זייט זשע נישט טשעקאַווע
ווי אייער מוטער חוה.

3.

אוי חוה מיט דער שלאַנג!
דער שכן טוט מיר באַנק,
איבער דיין עפּעלע
ליגט זיין קעפּעלע
טיף אין ד'ערד פון לאַנג! —
איך קום אַהיים צוגיין
טרעף איך אים אַליין
מיט מיין ווייבעלע
ווי אַ בייטעלע
קישט ער זיך גאַנץ שיין!...
ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט דאָס עפּעלע, דאָס עפּעלע,
דאָס פאַרבאָטענע עפּעלע, עפּעלע!...
דאָס האָט אים געשאַט.
איך האָב אים אונטערגעשלאָגן די זייט!...
זייט זשע נישט טשעקאַווע
ווי אונזער מוטער חוה.

2 ב י ר ג ע ר (לויפן אריין) ווי איז לוט? — ווי איז לוט? —

ל ו ט — נאָ נאָ אָט איז ער! — וואָס? די אויגן זעבען אייך פערגאָסן פון ווייין וואָס איר זעט נישט?

ב י ר ג ע ר — אין נאָמען פון די שטאָטלייס סדום און עמורה זענען מיר געקומען דיר אַרויפזעצן אויף דעם בענקל פון דעם אַראָפּגעוואָרפענעם שופט! —

לוט — שכורים וואָס איר זענט! דאַרפט איר מיר פריער אַרויפזעצן און דער נאָך אַראָפּ וואַרפן? — אַבער וואַרפט מיך שוין טאַקע אַראָפּ! —

בירגער — דאָ, אַז מען הייסט מוז מען! —

לוט — כ׳ווייס כ׳ווייס! דא איז אַ פריי לאַנד — אַז מען הייסט

מוז מען — זאָג איך אייך אויך אַז איך הייס אייך גבמען

מייגע טעכטער — איר מוזט!

בירגער — די? — דהאַלט דיר (בּייִדע אב)

לוט — איין אומגליק נאָר מען ווארפט זיך מיט זיי! — ווארט,

ווארט! אַז איך בין יאָ אייער שופט, וועל איך אייך

משפטן, אַז ס׳וועט אייך פאַרגיין אין די אויגן (ער גייט צו

און זעצט זיך אויף דער שטול געבן טויער וואָס איז פארן שופט —

און טרינקט)

עידית — (לויפט אריין) ווי ווי ווי איז ער דהאַ? —

לוט — שטיי, דו פיסנע פלעצל! געזאָלצן זאָלסטו שוין ווערן! —

די זעסט דען נישט ווי איך זיץ?...

עידית — אַ שווארצער חלום! וואָס האסטו זיך דאָ אַנידער־

געזעצט, האַ? וואָס וואָס גייסטו בעסער נישט זעען התנים

פאַ פאָר אונזערע טעכטער! — האַ? —

לוט — דרך ארץ! — איך בין א שופט! — גייסט נישט אַוועק,

וואָרן אָט הייב איך אן צו פסקענען! — הער אויס מיין

משפט! ראשית זאָלסטו תיכף ומיד מיר ברענגען א רויטן

קרוג וויין — שנית זאָלסטו תיכף ומיד גיין צו אַלדע

שווארצע יאָר! (זי טוט א מאך מיט דער האנד און לויפט אוועק

אין שטוב) והשלישית זאָלסטו (ער קוקט זיך אום און זעט זי ביט

הא, האַ! זי איז שוין נישטאָ — (ער טרינקט) ע ע! ווער

פון אייך האט עפּיס אַ לאדעניש, קומט אַהער גיך וועל

איך אייך אנלאדן (מען הערט כלה׳ס געוויין ווי זי זאגט: אוי אוי

האט רחמנות) הערט! הערט! הא! האַ! די רשעים פארמוטשען

שוין ווידער א נפש — אַ פריילעך שטעטל איז דאָס הפקר

לאַנד עמורהקע קולות פון אלע זייטן — האַ האַ דאכט

מיר איך זע קומען פון ווייטן אַ פּאָר מענטשן צום משפט —

ניין זיי ווייזן אויס טו זיין נאָר פרעמדע וואנדערער —

עס גלוסט זיך זיי שלימזל, קריכן זיי אהער אין דעם

געבענטשטן לאַנד (ער לויפט זיי אנטקעגן) ע מיינע ליבע אונ־

באקאנטע! ווי איך זע, קומט איר פון א ווייטן וועג —

קומט אריין צו מיר אין שטוב וועט איר זיין מיינע געסט! — כ'ה ... טעכטער צאַצקעלעך! — אַז דאָ וועט זיין אַ געשעפט! —

צוויי וואַנדערער (קומען אריין פערקליידעטע ענגלען) מיר דאַנקען אייך. מיר וועלן נעכטיקן אויף דער גאַס.

לוט — וואָס רעדט איר! איר זענט אומגליקלעך — איר האָט נאָך נישט געהערט פון דעם געפערלעכן לאַנד וווהין איר זענט אריינגעפאַלן! איר מעגט אייך גליקלעך שעצן, וואָס איך האָב אייך דער ערשטער דערזען — דאָ איז לויטן געזעץ, גאַסטפריינטשאַפט שטרענג פערבאָטן אונטער אַ שאַרפע שטראָף — נאָר איך בין דער איינציקער, וואָס איך הער זיי ווי דעם קאָטער איך האַלט פון דער מצוה הכנסת אורחים, ווייל אברהם איז מיין פעטער! — קומט אַריין, קומט אריין צו מיר! איר וועט האָבן עסן, טרינקען, ווי צו שלאָפן. איך האָב מיר פאַס וויין אין שטוב און צוויי דערוואַקסענע טעכטער קוקעלעך!

די וואַנדערער — טאַקע דערפאַר, וואָס דו האַלטסט פון דער מצוה הכנסת אורחים וועלן מיר דיר ענטדעקן דעם סוד און דעם צוועק פון אונזער שליחות אַהער; כדי דו זאָלסט קענען געראַטעוועט ווערן פון דעם אומגליק, וואָס וועט באַלד טרעפן דאָס אָרט — דו זאָלסט וויסן, אַז ס'איז יעצט געקומען די חעכסטע צייט, וואָס גאָט וויל זיך נוקם זיין אין די רשעים! — נישט לאַנג וועט דויערן, און דאָס גאַנצע לאַנד מיט די שענע שטעט און אַלעס, וואָס געפינט זיך אויף דער ערד וועט פאַרבערענט ווערן אין שוועבל און פעך.

לוט — (טוט א שמעק מיט דער נאז) איך פיל טאַקע עפּעס ס'שמעקט סמאַלענע! — נאָר דערווייל, איידער עפּיס וועט זיין קען איך פאַרברענט ווערן פון דאָרשט, קומט אַריין לאָמיר זיך פריער אָפּקילן מיט אַ עמער וויין — ע עירית! פיסנע פלעצל! דיקלה, ציקלה! (אלע קומען אן) זעט! וואָס פאַראַ ווילע געסט מיר האָבן? — נאָ? — כאַפּט זיי גיך

אריין! אָן צערמאָניעס איר זעט ווי אייערע באַשערטע קומען אַליין אין שטוב אַריין (דקלה צקלה שלעפּן אריין די אורחים אין שטוב

לוט (באגעננדיקן עירית) מאַך פּאַרטיק עפּיס אַ שענע סעודה (ער שמעקט) עפּיס הערט זיך פון דיר שוועבל — הייבסט אפשר נישט אָן צו סמאַלען? אַ פאַרברענט זאָלסט שוין ווערן. (ביידע אפּ אין הויז)

(מוזיק שפּילט א שטורם — דאס גאנצע פאלק פון די שטאט לאזן זיך ארופלויפן פון די בעדג דורך דער טויער צו לוטס וווינונג — אלע לויפן בייז, האסטיק צו דער פערשלאסענער טיר און קלאפן מיט די שטעקנס זינגענד),

כאר — אַזאַ זונד צו באַגיין געגן אונדזערע געזעצן פונם לאַנד — ווי ער וואַגט עס?
זעצט אים אַלע אויס די טיר! — מאַך אויף! מאַך אויף! —
גיב אַרויס די עמיגראַנטן, וואָס דו האָסט געבראַכט צו זיך אין שטוב אַריין.

לוט (גייט ארויס צו זיי פון דרויסן זייט טיר)
ברידער, וואָס ווילט איר? וואָס זעצט איר אין דער טיר?

בראַווע וואַנדערער, אָרעמע וואַנדערער, זענען יעצט אין שטוב ביי מיר?

ברידער! וואָס ווילט איר? זוואָס זעצט איר אין דער טיר?
גייט פון ווייטן, ווייל די לייטן זענען געסט אין שטוב ביי מיר!

טעכטערלעך האָב איך קוקעלעך, פּופּעלעך!
איך זאָג אייך טאַקע קוקעלעך.
ווילט איר? נעמט זיי אייך צו!
נאָר לאָזט די געסט מיר צורו!

כאר — ניין! עס געט נישט, זעצט אים אַלע אויס די טיר, מאַך אויף!
(אין דעם מאמענט פאלן ארויס פון זייערע הענט, די שטעקנס

זיי ווערן בלינד, טאפן אין דער טיר, ווי לוט איז אריין און
האט אונטער זיי פארשלאסן)

כאהר — (בלינדע, טאפן און זוכן מיט די הענט) אוי, אוי ווי וואָס
איז דאָס פאַר איין אומגליק איך בין דאָך גאָר בלינד.
אוי, אוי לאָמיר גישט אַנטלויפן קומט איועק געשווינד!

(זיי נעמען זיך אן איינס פארן אנדערן ביז זיי זוכן אפ דעם
טויער פון דער שטאט און קריכנדיק ווערן זיי פארשווינדן, דער
הימל פאנגט אן רויט צו ווערן).

די וואנדערער (שלעפן ארויס לוטן מיט אלע) גיך אַנטלויף פון דעם
אָרט וואָס שגעלער! איר זאָלט אַפילו נישט אומקוקן!

לוט — וואַרט נאָר אַביסל, מיינע ליבע איבערקערערס! ביז
מיר וועלן זיך אָפּטראָגן, קומט גיכער, פופעלעך! איך
שמעקט מיר יעצט אַלע נאָך סמאַלענע, פיסנע פלעצל! גיכער!
(קוק דוך נישט אום)

דער וועכטער — (אויף דעם טורם פון דער שטאט זינגענדיק)
ערוואכט אייך מענטשן אַלע אין איינעם! גיכער! ניטע
שלאָפּט!

דאָס פאָלק (פון אונטער די בערג) וואָס גייט פאַר עפּיס פאַר אַ
גייעם? הערט, דער וועכטער רופט!

וועכטער — ערוואַכט אייך מענטשן אַלע אין איינעם, גי-
כער! — ניטע שלאָפּט,
איך שפיר יעצט, דאַכט זיך, עפּיס שוועבל אין דער לופט?...

פאָלק — ער שפירט יעצט, דאַכט זיך, עפּיס שוועפל אין דער
לופט!!!
זאָג! וואָס זעסטו אין דער הויך?

וועכטער — דאָרט זע איך אַ שטאַרקן רויך.
אַי! עס ברענט!

פאָלק — אַי עס ברענט!

(פייער סיגנאל און דער מוזיק-שטורם! — עס פאנגט אן צו גיסן
א רעגן פייער — דער מלאך המשחית פליט ארום מיט אברענג-

דיקער שווערד — ברענט אלעס און צינדט — לוט מיט די
פעכטער לויפן דורך דעם בערגל לעבן ברוגים — עירות לויפט
נאך זי בלייבט שטיין, קוקט זיך אום — עס ווערט פון איר א
שטיק זאלץ — אלעס שטירצט אין פלאמען, ביז עס בלייבט א
טייך פון פייער און רויך — מוזיק ענדערט דעם שטורם).

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם

דריטער אַקט

(שטעלט פאָר דיזעלבע געגנט ווי פון דעם ערשטן אַקט — אויף אין דער מיט בינע ליגן צוזאַמענגעלייגטע שטיינער אַלס אַלטאַר — אויף דער גראָזבאַנק זיצט אברהם נאָכדענקענד, נעבן אים אָנגעשפּאַרט צום בוים שטעט אליעזר, מיט בעדוירענ־דע נאָכדענקענדע בליקן קוקט ער אַראָפּ צו אברהמן).

אליעזר: וואָס נאָך זיצטו, אדוני, אַזוי פאַרטראַכט, באַטריבט·
דו האָסט דאָך שוין אַלעס, וואָס דו האָסט געווינטשט, געליבט;
דער בעכער פון דיין גליק איז נאָך נישט פול געוועזן ביז יעצט,
איין טראָפּן איז אַריין, און האָט אים פול געמאַכט, צולעצט... —
דאָס איז דיין זון, דיין יורש, אַ שמחה גאָר אַ נייע,
וואָס דיר האָט געהאַט דיין שרה די פרומע די געטרייע.
און דיין גאָט, דיין גרויסער וואָס דו הייסט אונדז אין אים גלייבן,
דער גלויבן אַליין פערזיכערט דיר קאַרג דיין לעבן;
וואָס נאָך פעלט עפּיס דיר, זאָג עס אַרויס דיין קנעכט,
דיין סוד מיר צו פאַרטרויען האָב איך לאַנג פאַרדינט דאָס רעכט.

אברהם: אמת האָסטו געזאָגט מיין טרייער דינער אַצינד,

זָאָ איבערגליקלעך בין איך מיט מיין רייכטום פרוי און קינד.
נאָר — ליבער פון דעם אַלעמען, וואָס איך האָב, און האָב געהאַט,
פון מיר אפילו, איז מיין שדי, יאָ מיין גאָט! —
מיט זיין אייגן ליכט, וואָס ער האָט אין מיין קאָפּ אָנגעצונדן,
האָט ער געמאַכט אַז איך אַליין זאָל אים קענען זעען און ערפונדן
פון מייגער קינדהייט האָסט דאָך געוויס געהערט דערציילן,
ווי נאָך אַלס קינד בין איך געווען באַהאַלטן אין די היילן,
ווי די מוטער די נאַטור האָט מיך ביי זיך ערצויגן,
און מיט אירע צוויי שטיינערגע בריסטן האָט זי מיך אָנגעזויגן,
פון איינעם פרישע מילך, פון דעם צווייטן האָניק זיסן,
איר געטלעכע זאַפט האָט זי מיר שוין געגעבן צו געניסן.
נאָר — ווי אַ קינד וואָס האַלט אַ ספר און ווייסט נישט וואָס עס בלעטערט,
אַזוי האָב איך אלעס געזען נאַיוו — אַלעס האָב איך פאַרגעטערט
די ערד, דאָס פייער, דעם ווינט, דעם הימל און די שטערן,
פון יעדער קראַפט פלעגט ביי מיר דאמאָלס געטער ווערן!...
איך בין געוואָרן עלטער — רייפער פון טאָג צו טאָג,
האָט מיין פערשטאַנד מיך באַלד געפרעגט די ערשטע פראַגע:
דיין שיינער גאָט דער בוים ער קען גאָר פערוועלקט ווערן,
די לבנה שרעקט זיך פאַר דעם טאָג ווערט בלאַס מיט אַלע שטערן.

די ליכטיקע שיינע זינען, די קעניגן פונם הימל,
באהאלט זיך פאר דער נאכט און גייט אויך כאפן א דרימל.
און דער מענטש! — וואס איז שוין רייך מיט וויסן און פערשטאנד,
שטארבט אויך אפ, און איז נישט ביי זיך אליין אין דער האנט.
זענען די, ווי עס שיינט, נאך נישט די רעכטע גייסטער,
זענען זיי, ערשט דאס ווערקצייג פון א גרויסן מייסטער
ער פארענדערט אלעס אבער ענדערט זיך נישט אליין,
ער שאפט און זעט אלעס אבער אים קען מען נישט זעען,
ער, וואס שאפט אלעס לעבעדיקערהייט ער מוז אייביק לעבן,
ער איז דער איינציקער גאט דאס מוזן מיר אלע גלייבן.
אליעזר: און מיר גלייבן אלעס אין אים ווי דו פלעגסט אונז ערקלערן.
אז ער רעגירט מיט דער וועלט אלעס מוז ער באשערן.
און לענקט דעם מענטשנס מזל צום גוטן ווי צום שלעכטן,
באשטראפט דעם בייזן זינדער, טוט גוטס מיט דעם גערעכטן.
נישט לאנג האבן מיר געזען ווי ער האט פאר חטאים,
געשטראפט גאנצע שטעט סדום עמורה פיל רשעים.
עס האט נישט געהאלפן דיין בעטן דיינע פערמיטלונג, דיין שליחות,
כאטש דיין גאט ליבט דיך זער, ביסט ביי אים זער א מיוחס,
און ווייל דו ליבסט אים און גייסט אין זיינע גערעכטע וועגן,
האט ער דיך געבענטשט מיט געזונט, כבוד און פארמעגן.
אברהם: דאס קלער איך אלץ און טראכט נאר: מיט וואס קען איך פארגעלטן

מיין גרעסטן גאָט דעם שעפער פון אַלע וועלטן!
מיט וואָס קען איך, קליין מענשל, בעווייזן אים מיין
טרייע?...
איך אָפּפער אים מיין גוטס — אַלע טאָג קרבנות נייע,
איך אָפּער אים מיין הארץ מיין לעבן מיינע געפילן,
איך בין אים גאַנץ געטריי מיט צדקה און מיט תפלה.
דאָס אַלעס איז נאָך ווייניק — דאָס איז נאָך קיין ראיה
ביי מיר, ביי מיר! פון אַכטונג ליבע און טרייע —...
איין אָפּפער בעט מיין מייסטער איך זאָל אים געבן,
וואָס איז טייער פון מיין גאַנץ פּאַרמעגן זאָגאַר, פון מיין
לעבן.
די גאַנצע וועלט זאָל לערנען דינען גאָטס ווי איך דין,
ער אויס דמשק! — פּאַר איין עולה ברענג איך אים —
מיין זון!....
אליעזער: (געלאסן) דיין זון! — וועלכער זון? — דו האָסט
דאָך קינדער צוויי,
אברהם: דעם איינציקן — וועלכן איך האָב ליב
אליזער: איינציק איז דאָך יעדער געבוירן פון זיין מוטער,
אברהם: יאָ, דעם וואָס איך ליב מער ווי מיך ווי מיינע
גיטער.
אליעזר: ליב האָסטו דאָך בײדע מען קען נישט וויסן וועמען
דו פּאָטער, האָסט דאָך בײדע געקריינט מיט נעמען,
אברהם: (פּערלייגן) נאָ — לאָז זיין, לאָז זיין... יצחק!
אליעזר: (מיט א ווילד געשריי) הא? — (געלאסן) וואָס הערן מיי-
נע אוירן!
אברהם: נאָ יצחק (ענטשלאסן) יצחק! —
אליעזר: (שטוינענד מיט אן אומגלויבליכער מינע) וואָס אויף דער
עלטער האָט דיין שרה דיר געבוירן?
ניין אדוני, ניין האָסט צו פיל ביי מיר נאמנות,
איך זאָל וואָגן מיינען אַז דו מאַכסט פון מיר לצנות.
איך מיין, דיין גאָט אַליין, וועט נישט וועלן צוריק דאָס
לעבן,

פון דער לעבעדיקער מתנה, וואָס אויף דער עלטער ער
האָט דיר געגעבן.

אברהם: מיין גאָט האָט מיך געהייסן! — ווענמען הער איך,
ווענמען?

ער האָט מיר אים געגעבן, ער קען אים ווידער נעמען...

אליעזר: גאָט מוז האַלטן זיין וואָרט — אַז נאָר פון דיינע
זאָמען,
וועלן ווי שטערן אין הימל קעניגן אַרויס שטאַמען

אברהם: (פּערלענגן עטוואָס) און ישמעאל... ע און דו ביסט אויך
איין אייגענער ביי מיר,
מיין גלויבן, מיין פערמעגן דאָס לאָז איך איבער דיר.
איך שענק אוועק יעצט אַלעס: — פריער מיין הערן
קומט דער גרעסטער שאַץ...
און דערנאָך, דינער! נעמט אייך אַלץ וואָס איר געפונט
אויף דעם פּלאַץ! —

אליעזר: (געטראָפן) ווילסט פּרוּוון דיין אַלטן קנעכט? — ווילסט
פאַרשן נאָך זיין טרייע?
אַז ער וועט דערהערן פון ירושה וועט ער זיין זיך גאָר
מחיה?
איך וויל קיין רייכטום! פון א רייכן הער קיין נאָמען,
ליבער זיין איין אָרעמער דינער ביים לעבעדיקן אברהמען,
איך בין צוגעוואַקסן צו אייך פון מיין יוגנט פריליגג,
ווי פון זיין געבורן אַ צונויפגעוואַקסענער צווילינג,
מיט לייב און זעל און בלוט, מיט שמחות און מיט ליידן־
אַז נאָר דער טויט אַליין קען מיך פון אייך צושיידן —
האָב איך מיך אין א ווינקל דען נישט אויסגעווייגט באַ־
זונדער,
ווען איך האָב געהערט אַז דו מיט שרהן בעטן אויף
קינדער?
און אַז יצחק איז געבוירן געוואָרן, מיט וואָס פאַר א
פריידע,
האָב איך ווי משוגע געטאַנצט צווישן אייך ביידע.

מיינע הענט האָבן אים געוויגט איך האָב אים ערצויגן!
נישט איין נאַכט האָב איך געוועכט ביי אים, נישט צוגע־
מאַכט מיינע אויגן.
ער איז מיר טייער פון מיין לעבן — און מיין איינציקער
ווונטש איז געווען,
איך זאָל דערלעבן נעבן מיין יצחקלען ביי דער חופּה
צו שטיין.
און יעצט וואָס דארף איך הערן (וויינט) איך גלייב מיר
נישט ביין,
אַז דאָס יונג אונשולדיק קינד מוז פון דער וועלט גאָר
גיין!...
און איך אַליין מיט דיר — געוואַלט געוואַלט! מיר ביידע,
זאָלן פירן דאָס טייערע קינד ווי א שאָף צו דער עקידה?
אָ ניין מיין טייערער אדוני! זאָג דו וועסט עס נישט טאָן.
(ער פאַלט אויף די קני)
זע דיין טרייער דינער בעט רחמים פאַר דיין זון.
ביזט פרום, האָסט ליב דיין גאָט — פאַרגעס אָבער נישט
ווייטער,
אַז יצחק איז דיין זון, און דו ביזט דאָך זיין פאָטער!
(ער הייבט זיך אויף)
א ב ר ה ם : (מיט איינגעהאַלטענעם שמערץ) פאָטער!
א ל י ע ז ר : און זיין מוטער שרה — אָ איך וויל דערביי גאָר
נישט שטען,
ביים מאָמענט אַז זי וועט הערן וואָס מיט איר קינד איז
געשען.
יאָ! דער צווייטער קרבן איז שוין פערטיק, דער וועט
זיין, זיין מוטער
און איך דיין טרייער דינער — מיינסטו וועט זיין דער
דריטער?
איידער דאָס צו דערלעבן איז מיר צו שטאַרבן בעסער,
וועל מיך צום ערשטן קרבן — נעם גיך אַרויס דיין מעסער!
(ער בויגט איין דעם קאָפּ)

אברהם: אָ שטן... שטיי אויף! — אוועק פון מיר! — גיי גיי!...

(אליעזר וויל גיין)

(אברהם געלאסן) אַהער קום דמשק מיין טרייער דינער שטיין!

(אליעזר ווייגט און שטיקט זיך מיט מורא)

(זיפצענד) עס איז איינמאָל פעסט ענטשלאָסן — גאָט האָט מיר געהייסן,

און דו זאָלסט נישט דאַכטן קיינעם וואָס מיר ביידע ווייסן,

און הימן זאָל דיך גאָט ווען ווען וועמען דו וועסט דערציילן,

יעצט בין איך ווידער דיין הער! דו הערסט? — איך קען באַפעלן!

נישט ברענגען פאַר דיין מויל — נאָר שווייגן, שווייגן — שווייגן,

די ווייגסט שקלאַפּע? — נישט וויינען זאָלסטו וואגן —

שרה: איך קום ווידער יעצט צו דיר, אברהם, מיט אַ קלאָג:

איך קען דאָס דאָך נישט אויסהאַלטן עס איז מיר דאָך אַ פּלאָג,

צו זען ווי דיין זון פון דער שפחה הגר אַצינד,

שפּילט זיך און רייצט זיך מיט יצחקן אונדזער קינד.

אָט דער געמיינער מצרי האָט צוזאָגן נישט קיין בושה,

אַז ער, אַלס בכור, וועט נעמען טאָפּלטע ירושה,

ווי עס הייסט: אויף אונדזער טויט קוקט ער שוין לאַנג אַרויס,

און יצחקלען קרענקט דאָס זייער, ער האַלט עס גאָר נישט אויס.

איך בעט דיך נאָך אַמאָל — און אַזוי וועט מוזן בלייבן:

די שפחה מיט איר זון מוזט מיר זען פאַרטרייבן! —

וואָס ווייגט דמשק? (אברהם טוט אים אַ ווינק ער זאָל נישט וויינען)

אברהם: (צו שרה'ן) דו ווייסט דאָך שרה, אַז דיך צו פאָלגן בין איך תמיד גרייט.

אַ פּלאַן האָב איך, וואָס די קינדער וועלען אַזוי אויך זיין צושיידט:
דו ווייסט דאָך אַז איך בין אַלט געווען אַלס קינד קוים דריי יאָר,
ד'האָב איך שוין גאָט געקענט און זיין ווינדערליכע נאַטור.
מיין קאָפּ האָט שוין געטראָגן, אַז עס ווערט אין יענעם בלויען געצעלט,
לעבט אייביק דאָרט אַ מייסטער וואָס ער רעגירט די וועלט.
ער שאַפט אַלעס וואָס איז דאָ ער קען בלייבן ער קען טייטן,
ער פירט דעם מענטשנס מזל – און נאָר אים דאַרפן מיר בעטן;
דאָס האָב איך אויך דיך געלערנט און מיין גאַנץ הויז־געזינט,
דאָס האָב איך אויך יצחקלען געלערנט אונזער איינציק קינד.
נאָך מער! נאָך מער וויל איך זאָל ער קענען פון זיין פאָטער...
ער זאָל קענען מיין אמונה פערברייטן ווייטער, ווייטער!
און מצות זאָל ער טון אַזוי פיל עס צעלט אין גוף דער אבר... –
בישט ווייט פון דעם באַרג מוריה דאָרט ווינען שם ועבר,
צוויי פרומע ערליכע אַלטע, וואָס פאַרברייטן דאָרט מיין תורה,
דאָרט לערנען פלייסיק אַלע וואָס דינען נאָר אונזער בורא
כדי מחנך זיין צו מצות, יצחקן אונזער זין,
וועל איך אַליין אים פירן, גיין מיט אים אַהין.
און דו אַלס מוטער – פאַר דער שמחה וואָס ער ווערט בר מצוה היינט,
זאָלסטו אָנגרייטן אַ שיינע סעודה פאַר אַלע גוטע פריינט

מיר זאָלן אַלע די צייט מיט זיי צוברענגען אין פריידן,
אײדער מיר װעלן זיך יעצט פון אייך שיידן. —

(אליעזר וויינט, אברהם ווינקט)

שרה (נאָכדענקענדיק) זיך שיידן — דו רעכנסט מיט אונזער קינד פאַרבלייבן דאָרטן לאַנג?

דו ווייסט איך בין אַ מוטער מיין האַרץ וועט מיר זיין באַנג.

אברהם נישט... לאַנג...

שרה דיין ערליכן ווילן פאָלג איך — נאָך מער ווייל דאָ, האַנדלט זיך דאָס קינד צום גלויבן ווידמען אין אַ גוטער שעה.

נאָר — איך בעט דיך מיין מאַן — זיי מיר... זיי מיר מוחל וואָס איך ציטער.

איך בין דאָך נאָר אַ שוואַכע פרוי און דער צו מיין קינד אַ מוטער...

אברהם (עטוואָס שטרענג) דאָרט ווי די ריידע איז פון גאָטס ווילן פאַרנעם צו זיין אַ אשה

מיר זאָלן זיך נישט פרייען גאָט צו דינען איז פאַר אונז אַליין אַ בושה,

קום, מיין פרומע שרה, לאָמיר צו ברענגען די צייט פריילעך,

און לאָז זיך דאָרט גאָטס אויך פרייען ווי מיט זיין פרינץ דער מלך.

(ביידע אָב)

אליעזר (קוקט זיך ארום ביז ער זעט אז זיי זענען אוועק געגאַנגען) זעצט ער אוים מיט אַ ווילד געוויין)

אַצינד קענסטו וויינען אליעזר! שיט אייך אַרויס איר טרערן!

פול איז מיר מיין האַרץ. — טאָמער וועט מיר גרינגער ווערן. —

(ער מאכט נאָך) און די פרומע שרה זאָגט! „זיי מיר מוחל וואָס איך ציטער,

איך בין דאָך אַ שוואַכע אשה און דערצו מיין זון אַ
מוטערן!"

אָי! דאָס הערצעלע, דאָס הערצעלע זאָגט איר עפּיס נישט
צום גוטן...

און איר אַלטער הייסט מיר שווייגן איך מוז ווייגען און
זיך היטן.

— האָ? (ער טראַכט) איז דען מעגלעך אַז זיין גרויסער גאָט
וואָס איז גרויס אַ וואונדער,

זאָל פאָדערן מענטשן צום אָפּפער קליינע, איינציקע ליבע
קינדער?

האָ? (טראַכט ענטשלאָסן) נאַ, כ'וועל נאָך וואַרטן ביז מאָרגן —
דערווייל האַרץ האַלט דיך איין,

פּלאַץ נישט פאַר דער צייט ביז וועסט זען וואָס דער סוף
וועט זיין. (אַב)

אויפטריט יצחק און ישמעאל *)

יצחק (לויפט אריין) ניין, ניין, ניין איך וויל נישט איך וויל נישט.

ישמעאל (מיט פייל און בויגן) נאַראָניאָ וואָס אַרט דיך שטיי אַ
מינוט!

איך וויל דיר ווייזן גאָר אַ נייע שפּיל,
ווי איך קען טרעפן גוט מוט דעם פייל און ציל.

יצחק איך ווייס דו קענסט טרעפן — שיס ווהין דו ווילסט
דיר,

נאָר איך בעט דיך מאַך נישט קיין שפּאַס מיט מיר.

ישמעאל איין עלטערן ברודער נאָך מיט אַ באָרד דאַרף מען
הערן, דערצו בין איך אַ בכור!

יצחק וואָס הייסט אַ בכור!

ישמעאל דאָס הייסט דער עלטסטער, אייזל, וואָס פאַרשטייסטו
דאָ נישט,

*) אין רומעניען און אין ניו־יאָרק מעג זיך דער קאָמיקער ערלויבן צו
מאַכן די פאָלגענדע פּאַנטאָמימע

אַז איך וויל דיר ווייזן אַ שיינע זאַך, וואָס קענסט דאָ אָנווערן ?
איך שטעל מיך פון דיר פונדערווייטנס צוואַנציק טריט,
און דו וועסט האַלטן אין דיין האַנט דיין פּלעצל מיט די לעכער,
נאָר שטיין אויף איין אָרט האַלטן די האַנט הויך — נאָך העכער.
און איך וועל מיט מיין פייל טרעפן פונקט אין חלול אריין,
טרעף איך יאָ אין ציל אַזוי גיהער דער פּלעצל צו מיר,
טרעף איך אָבער נישט,
יצחק וואָס זשע וועט דאַמאָלס זיין ?
ישמעאל גיהער דער פּלעצל שוין צו מיר —
יצחק וואָס?
ישמעאל מיין איך צו דיר!
יצחק ער איז דאָך טאַקע מיינער,
ישמעאל ניין גיב איך דיר אָפּ צוויי.
נאָ האַלט זשע אַזוי די האַנט און ריר זיך נישט שטיי!

ישמעאל בעפּעסטיקט אין יצחקס האַנט דעם פּלעצל — און ווע־רענד ער געפינט ס'איז גוט די פּאָזיציע — ציילט ער אָפּ צוואַנציק שריט און ווי ער שטעלט זיך ווי־זאָ־ווי דערזעט ער ווי יצחק לאָזט אראָפּ די האַנט און פרעגט אים אין וועלכן חליל זאָל ער אָנווייזן דאַרף ער טרעפן — ער ווייזט אים — און ווי ער שטעלט איב ווידער — און מאַכט זיך פּערטיק דערזעט ער — ווי יצחק טוט אַ ביס דעם פּלעצל — ער לויפט צו צו אים — מאכט אים אַ וואָרוורף וואָס ער עסט און בייסט אליין אָן אַ שטיק, און זאָגט אז ווען מען יועט אַזוי בייסן ווייטער וועט מען אויפעסן אַלע לעכער און עס וועט מוזן טרעפן אין מויל אריין — ענדלעך ווערט רואיג יצחק שטייט אויפן פּלאַץ האַלט דאָס שטיקל פּלעצל אין דער הויך — ישמעאל שטעלט זיך פון ווייטן ריכטעט דעם בויגן צו דעם

אויג און ווי ער וויל אזוי אפלאזן די פייל — קומט אן פון
ווייטן אליעזר און כאפט זי אויס).

אליעזר: שטיי! דו ווילדע זאך! וואס איז דאס פאר א שפיל?
איך ווייס ווען דו ווילסט טרעפן, וועהין עס איז דיין
ציל ...
נאר נישט דערלעבן וועט דער פון א מצרי דער שורש,
אפשאפן פון דער וועלט אברהמס איינציקן יורש.
גיי! (יצחק לויפט צו אין דער אומארמונג פון אליע״ר)

ישמעאל: איך זאל אזוי וויסן פון דיר ווי איך ווייס וואס
דו רעדסט,

אליעזר: גיי מאך פארטיק בעסער עפעס גוט עסן פאר די
געסט.

ישמעאל: דאס פארשטיי איך מיך גוט, צו דעם ווייסטו אויך
אז אויך טויג,
איך קען טרעפן מיטן מויל אין שיסל אזוי גוט ווי
מיטן אויג.
איך קען מאכן גוטע מאכלים צו דער סעודה — נאר
פארגעסט נישט אז מיר קומט צוויי חלקים איך בין דער
בכור! (אב)

יצחק: וואס איז טרייער דמשק וואס איז עפעס מיט דיר גע-
ווארן,
עפיס האסטו פון א קורצער צייט דיין פרייליכקייט פאר-
לארן.
ארט דיך באמת ישמעאלס נארישע רייד?

אליעזר: ניין מיין קינד — פארקערט איך בין פול מיט
פרייד,
וואס דיין אלטער פאטער די פרומע בריה,
וויל גיין מיט דיר אין דער פרי צום בארג מוריה.
ביי שם ועבר דיך לערנען די הייליקע תורה,
דיך לערנען ווי מען ברענגט א קרבן צום איינציקן בורא.
(ער וויינט)

יצחק: נאָ וואָס זשע וויינסטו — דער גאַנג איז גוט דאַרף איך וויינען,

איז דער וועג נישט גוט דערציייל! — פיליכט דאַרף איך אויך וויינען.

ווערסטו דען בלייבן דאָ? — וועסט דען מיט אונדז נישט מיטגיין?

אליעזר: יאָ, איך וועל גיין, איך מוז גיין, איך אַליין וויל אויך לערנען און זען.

ווי אַזוי ברענגט מען דאָרט קרבנות... ווי לערנט מען דאָרט תורה...

איך וויל אויך יעצט לערנען קענען אברהמס איינציקן בוראו...

איך גיי דיר נאָך טריט ביי טריט — איך לאָז דיך נישט אָפּ מיין נחמה,

און ווען איך וועל אפילו שטאַרבן — וועט דיך באַדינען מיין נשמה (וויינט)

יצחק: (צערטלעך) איך ווייס דו ביזט מיר טריי — דערפאַר וויל איך נישט זען,

וואָס דו ביזט טרויעריק? — איך בעט דיך דו מוזט דיך פרייען.

אויף מיין שמחה ווילסטו נישט טאַנצן? —

אליעזר: (מיט אינערן שמערץ און אויסערע פארשטעלטע פרייד) נאַר טאַנצן טאַנצן איך וועל נישט ווערן מיד.

ישמעאל: (לויפט אריין) לעזער! לעזער! קוק אַן! נאַ וואָס זענט איר אייך דאָ אַזוי פאַרזעסן,

די געסט קומען שוין, מען דאַרפט ברענגען דעם קרבן, איר האָט פאַרגעסן,

היינט איז דאָך עפּיס א סעודה מען דאַרף עסן און עסן.

(יצחק און אליעזר הייבן זיך אויף און גיין אַרויס — ישמעאל בלייבט)

ישמעאל: ווען איך זאָל האָבן אַ סך געהירן און אַ קאָפּ אַ גוטן,

וואָלט איך עפּיס פאַרשטאַנען — נאָר מען דאַרף זיך דאָ היטן.

אליעזר איז בייז, די אַלטע קומענדיק — יצחק גייט לערנען תורה,

מען פירט אים אַוועק אויף אַ באַרג — ער זאָל נישט בלייבן דאָרטן האָב איך מורא.

פאַרוואָס האָב איך מורא? — איך דאַרף נאָך נחת קלייבן

אַז יצחק זאָל נישט צוריקקומען און איך זאָל דאָ פאַר בלייבן.

אַז איך פאַרשטיי נישט און מיין מוח איז אַ ביסעלע שמאָל

באָ איך מוז פרעגן מיין פריינט דעם עזעל — ער טרעפט צומאָל,

האָ! איך הער מען קומט — דערווייל לאָז איך אַלדינג פאַרגעסן,

וואָס עפּיס וועט זיין — דערווייל דאַרף מען עסן — עסן —

(מוזיק שפּילט אַ מאַרש — עס גייט אַ צוג — פריער גיין קינדער מיט פאַקעלן אין די הענט — נאָך זיי — עלטערע מענטשן, מאַנכע טראָגן פויקן און טאַנצן — נאָך זיי גייען מענטשן — צוויי פערזאָנען טראָגן אויף אַ ברעט אַ שעפעלע — נאָך זיי טראָגט אליעזר אַ פאָן מיט ווייריך, נאָך אים יצחק מיט אַ קריגל אין איין האַנט, אין דער אַנדערער אַ גרויסן בעכער — נאָך אים אברהם — דער צוג גייט רונד אַרום דעם מזבח, וואָס שטייט אין דער מיט ווערענד אברהם גייט צו צום מזבח — צינדט אָן דאָס פייער און ריכט דעם קרבן — לאָזן זיי גיין פרויען אין ווייסן געקליידעט פאַרוויקלט — דאָס געזיכט פאַרשטעלט מיט ווייסע גאַזשלייערס וואָס הענגען אַראָפּ פון דעם געזיכט, נאָר די אויגן קוקן אַרויס — זיי האַלטן אין די הענט בלומען מיט פרוכטן — נאָך זיי קומט שרה מיט אַ פּאָר טויבן אין די הענט — די פרויען שטעלן זיך אַלע אויס אין אַ זייט אין דער לענג ווערענד אַלע מענער מאַכן אַ ראָד רינגאַרויס דעם אַלטאַר — אברהם שטייט נעבן ברענענדיקן מזבח — נעבן אים יצחק — ווערענד אברהם

הייבט אָן זינגען די סאָלאָ פאַלן אַלע אויף די קני מיט די פנימער צו דער ערד)

אברהם (זינגט) אַדאָ בײַ אונדזער הייליקן אַלטאַר,
אַך בעטן מיר דיך אַלע גרויסער האַר.

כאָר אָ האַר!
אָ האַר!

אברהם: באַהיט אונדז אַלע דײַנע קנעכט פון לייד און צער.

כאָר היבן אויף די קעפּ און די הענט צום הימל נאָך שטייענדיק אויף די קני)

מעגן אַלע פעלקער און אומות צו גלייך,
ביקן זיך און דינען צו געטער אַ סך.
מיר וויסן נישט פון קיינעם
מיר דינען נאָר איינעם.
מיר גיבן נאָר צו דיר אַליין אַ שבח,
וואָס די וועלט איז דײַן,
הימל ערד און שײַן.
די וויסטע, אויך וואַלד דער גרינער
וואָס אין די ליפט שוועבט,
וואָס אין די וואַסערן לעבט.
אַלע זענען דײַנע דינער,
אַלע פעלקער א. א. וו.

אברהם האַ! — יאָ!

כאָר האַ! האַ! יאָ! יאָ!

אברהם גאָט געפעלט דאָך אונזערע קרבנות,
ער שיקט אונדז ישועות און נחמות,
פאַר אונזערע נשמות,

(נאָכדעם — שפּילט די מוזיק אַ הייליקן טאַנץ — זיי הייבן זיך אויף פריילעך און טאַנצן — נאָך דעם טאַנץ, ווינטשן זיי זיך אַלע צו, איבערהויפּט אברהם מיט יצחקן — די פרויען שרהן — די פרויען זעצן זיך אַרום אויף דער ערד רונד מיט שרהן צום עסן — די מענער די פיס אונטער זיך אויך רונד אויף דער ערד אָן דער שפּיץ אברהם נעבן חער זײַט יצחק —

נעגערינען בעדינען די פרויען — און נעגערס די מענער טאר־
ווירן דאָס עס)

אליעזר (נעמט איין ארט הארפע אין דער האנט — זעצט זיך צווישן די מענער אין פרויען און זינגט — ווערענד אלע עסן. נאָך דעם זינגען, הייבט זיך איינער אויף און לאדט איין יצחקן ער זאָל עפּיס זינגען — מען שטעלט צו אַ טישל — מען שטעלט יצחקן ארויף — אַלע שטיין נייגעריק ארום אים)

יצחק (פאנגט אָן) אַז איך וועל אייך זינגען פון נחס תיבה!

1.

(ער זינגט)

אַז נוח האָט געמאַכט די תבא,
דער מבול האָט באדאַרפט צו זיין,
פילע פאָרלעך זכר נקבה,
לויפן צו און ווילן אריין —

„זיידע האָב רחמנות,
בעטן זיי מיט אַ געוויין,
דאָס וואַסער רוישט שוין מיט אַ סכנה,
לאָז אונז דאָ, אָך נישט דערגיין!"

— אַ וועקט רשעים,
די חטעים
זענען פאַר דער ערד צו שווער,
נאָר אָפּמעקן!
נישט פאַרפלעקן,
זאָלט איר די וועלט די נייע מער!"

„מעגסט אונז, זיידע, הייליק גלייבן
די נבואה זאָגט אַליין,
אַז אונזערע קינדער וואָס וועלן לעבן,
וועלן דיינע אין די נויטן שטיין!"

און נוח טוט אַ גלעט זיין שטערן,
און ווייזט אָן זיי אויף דער טיר,
פון וועמען איך וועל גוטס נאָר הערן,

זאָג איך גלייך קום צו מיר.

כ אָ ר ווידערהאָלט

קום צו מיר אין תבה אריין,
קום אַריין, קום אַריין.
קום צו מיר אין תבה אריין,
קום אַריין, קום אריין!

2.

אדאָ זעט מען צו דער תבה,
שפּאַנען שטאָלץ פּאָרלעך צו
ביידע זכר נקבה,
א ווילדע לעווע מיט זיין „זי"

זיידע נוח האָט רחמנות
ברימען זיי מיט אַ געוויין
דאָס וואַסער רוישט שוין מיט סכּנות.
לאָז אונז דאָ, אָך, נישט דערגיין! —

אוועק איר חיות.
ווייגע קינדערס חיות.
מעגט איר צורייסן מיט אייערע ציין!
מעגסטו אונז גלייבן
שווערן די לייבן,
מיר וועלן זיי גראָד אין די נויטן שטיין!

אז אַ רשע וועט אַמאָל דניאל'ן
אריינוואַרפן אין לעווען גרוב,
וועלן זיך מייגע קינדער שפּילען.
מיט אים פריינטלעך און זייער ליב.

און נוח הערט די שיינע ווערטער,
און זאָגט: שנעל מאַכט אויף די טיר,
אדוני לייב מיט דיין באַשערטער.
איר האָט שוין געפועלט ביי מיר!
קומט צו מיר אין תבה אריין א. ז. וו.

3.

פלוצלונג זעט מען צו דער תבה,
צוויי רויבפייגל פליען צו
ביידע זכר ונקבה,
א שווארצער רעבע מיט זיין „זי"

זיידע נוח האָב רחמנות,
קרעקן זיי מיט א געוויין
דאָס וואַסער רוישט שוין מיט סכנות
לאָז אונז דאָ, אַך, נישט דערגיין,
„— כ'בין גאָר נישט תופס,
איר טמא עופות.
ווי וואַגט איר גאָר יעצט אזא שריט,
דו און דיין ווייבל,
מיטן שאַרפן שנאָבל.
פרעסט דאָך מענטשן פלייש און בלוט
וואַרט, זאָגט דער רעבע, מיר וועלן דיר ווייזן,
אז אליהו הנביא וועט זיין אין א נויט,
וועלן אים אונזערע קינדער שפייזן.
צוויי מאָל אין טאָג מיט פלייש און ברויט
און נוח'ן איז געפעלן דער שווינדל
און שמייכלט נאָר מאַכט אויף די טיר,
שען איר ערליך רויבגעזינדל.
איר האָט שוין געפּואלט ביי מיר.
קומט צו מיר אין תבה אריין א. ז. וו.

4.

פלוצלינג זעט מען ביי דער תבה,
שטייט א פארל און קייט שטרוי
ביידע זכר אין נקבה.
א קליינעם אייזל מיט זיין פרוי
זיידע נוח האָב רחמנות,
הירזשן זיי מיט א געוויין,
דאָס וואַסער רוישט שוין מיט סכנות.

לאָז אונז דאָ, אַך, ניט דערגיין.
— וואָס ווילסטו חמור,
מיט דיין יאַמער.
וואָס פאַר אַ מצוות קענסטו טון?"
זעסטו זיידע,
פון אונז ביידע,
וועט אַמאָל אַרויס אַ קלוגער זון,
ווען אויף אים וועט בלעם רייטען,
צו שעלטן דיינע קינדער מיאוס,
וועט די קללות ער אין ברכות פאַרבייטן.
ווייל צוקוועטשן וועט ער אים זיין פיס.
אַז דו זאָגסט אין אמת מן הסתמה,
זאָגט נוח שבעך מאַכט אויף די טיר.
מיסטער אייזל מיט דיין מאַדאַמע.
איר האָט שוין געפועלט ביי מיר,
קומט צו מיר אין תבה אריין א. ז. וו.

5.

פלוצלינג זעט מען צו דער תבה,
שלעפט זיך אַ פּאָרל לאַנגזאַם צו
ביידע זכר ונקבה,
אַ גרויסער אָקס מיט אַ רויטער קו.
זיידע נוח האָב רחמנות
מרוקען זיי מיט אַ געוויין,
דאָס וואַסער רוישט שוין מיט סכנות,
לאָז אונז דאָ. אַך, נישט דערגיין.
„איר ווילט זעלבער,
מיט אייערע קעלבער.
פאַרגעטערן זאָל אייך מיין קינד?
פאַרקערט זיידע,
דאָס איז די ריידע.
זיך אָפּפּאָרן פאַר זיינע זינט,
אַז איינער וועט אַמאָל זיין חוטא

וועלן זיך מיינע מקריב זיין אָן צאָל,
און מיט דער צייט וועט זיין אָט די רויטע,
די כפרה פאַר גאַנץ קהל.
און נח זעט די פרה אדמה
און זאָגט: שנעל מאַכט אויף די טיר,
פעטער אָקס און די רויטע מומע,
איר האָט שוין געפועלט ביי מיר.
קומט צו מיר אין תבה אַריין א. ז. וו.

(אלע לויפן צו און קושן יצחק'ן בענטשן אים און ווינשן אים צו צום וועג אין דער צייט נעמט אברהם אליעזרן מיט ישמעאל'ן אין א זייט און זאגט זיי עטוואס שטיל).

אברהם: נעמט דאָס האָלץ וואָס איך האָב אָנגעשפּאָלטן,
און דאָס פייער און אלעם וואָס מען דאַרף,
פריוו אויך דאָס שלאַכטמעסער צו ס'איז גוט שאַרף.
אויף דעם אייזלס ריקן זאָלט איר אַלעם האַלטן.
דאַן קוים נאָר פרי גייען מיר צום באַשטימטן אָרט.

אליעזר אדוני!—

אברהם נאָר טון וואָס איך זאג און קיין וואָרט.

(אלע געסט נעמען אבשיעד און גייען ארויס)

ישמעאל: איך גיי אויך מיט מיין אייזל מיין בעסטן פריינד,
ער בעט מיר זיין אויפן וועג די צווייטע האַנד.
ווייל קיינער רעדט נישט מיט מיר ווי ער נאָר.
פון אים וועל איך אפשר וויסן וואָס דאָ גייט פאָר.
וועל איך פון אים נישט וויסן טו איך זיך א קלאַפּ,
אז מיינע אַלע געהירן זאָלן מיר ארויס פונם קאָפּ.

אברהם: (פירט צו יצחק'ן, צו שרה'ן)
געזעגן דיך מיט דיין מוטער מיין איינציגער זון,
בעפאָר צום באַשטימטן ארט מיר וועלן גיין אַהין.

יצחק אַך: ווי פרייט זיך מיר מיין האַרץ איך קען קיין וואָרט געפינען,
צו גיין מיט מיין פאָטער אונזער גאָט צו דינען.

און ווען איך וועל שוין קענען די תורות אָן שיעור,
דיין מוטער מיט פריידע קער איך אום צו דיר.

שרה: (פארלייגן געלאסן) זיי מיר מוחל מיין מאַן וואָס איך וויל דיך פרעגן.
ווי לאַנג וועט דויערן די צייט זענען ווייט די וועגן?

אברהם: צו ווייט צו לאַנג. נישט קען איך באַשטימען.

שרה נאָ גיי געזונטערהייד מיין טייער איינציק קינד — — —
אברהם — דו מוזט מיר ווידער מוחל זיין צעינד,
נאָך איינס פרעג איך — וועל איר גיך קומען?

אברהם: (פערלעגן) דאָס קען קיין מענטש וויסן — גאָט באַשטימט די וועגן
און בעסער טוט דער מענטש וויניקער צו פרעגן... —
נאָ קום — ער נעמט אָן יצחקן ביי דער האַנט און וויל גיין

שרה: אַ קליינע באַוועגונג פּאַרוועטס, נעמט אָן יצחקן ביי דער האַנט
נאָך אַמאָל וויל איך מיך אין דיר זאַט אָנקוקן,
נאָך אַמאָל וויל איך דיך צו מיינער ברוסט צו דריקן.
פאַרצייַ מיר מאַן, וואָס מיר איז שווער צו שיידן,
איך בין אַ מוטער — מער דאַרף מען נישט רעדן.
דאָס איז די פרוכט וואָס 90 יאָר האָב איך געוואַרט אויף איר.
און 9 חדשים אונטער מיין האַרץ געטראָגן ביי מיר.
אָה וואָלט איך געוואָלט דיך אויך יעצט באַהאַלטן ביי זיך.
מען זאָל דיך נישט קענען צו נעמען — (זי וויינט)

יצחק: (גערירט) — מוטער! ביי דיר בלייב איך —

אברהם: שרה! דו פאַרגעסט דיך — ווילסט זינדיקן געגן גאָט חלילה
דורך דיינע איבערטריבענע מוטערליכע געפילן?
און פאַרגעסט, אַז אַלע דיינע געפילן ווילן און געדאַנקען,
יאָ, זאָגאַר דיין לעבן און דעם קינדס האָסטו גאָט צו־פאַרדאַנקען.
קענסט ליבן דאָס קינד ווי איך — נאָר נישט מער פון אונזער בורא,

דאַרום לאָז בלייבן און דער היים דיין מוטער הערץ —
און דו קום לערנען תורה. —

יצחק: איך גיי, איך גיי, מיין פאָטער, איך ווייס עס וועט
זיין שיין:

נישט איינמאָל האָסטו מיר דערציילט געלערנט דו אַליין,
פון דעם גרויסן גאָט — וואָס זיצט אין הימל דאָרט.
און דאָך געפינט ער זיך לעבן אונז אין יעדן אָרט.
ווי ער האָלט די הייסע זינען און בריט זיך קיינמאָל אָפּ.
ווי ער פירט זי אַרויף אויפן הימל און פירט זי ווידער
אַראָפּ.
און ווי ער מאַכט די טונקעלע נאַכט און מלאכמלעך אָן
אַ שיעור —
ווינקען מיט זייערע בריליאַנטענע אייגלעך אַראָפּ צו מיר.
און ווי שיין איז די געשיכטע כ׳האָב זי באַהאַלטן אין
מיין קעמערל
פון אונזערע עלטערן אדם און חוה, פון דער שלאַנג, פון
דעם עפּל,
פון די ברידער — ווי הבל׳ן האָט דערשלאָגן קין,
און הבל׳ס בלוט פון דער ערד הערט מען נאָך הייגט
שרייען.
און פון דעם טורם פון בבל — און — און — יאָ: —
נאָך שיינע שריט.
ווי דו האָסט דעם זיידנס אָפּגעטער צוהאַקט אויף פיצלעך.
און ווי... מוטער אַז איך וועל צוריק קומען וועל איך
דיר אַלץ דערציילן.
וואָס איך וועל לערנען, איך וועל קיין זאַך פערפעלן. —

אברהם: שיין — נאָ נעם אַבשיעד:

שרה: נאָ קום אהער מיין קינד — גאָך קישן וועל איך דיך
ווידער.

(זי דריקט אים צו צו זיך און באדעקט, אים מיט הייסע קישן)

(פויזע)

איך ווייס נישט וואָס איך ציטער — קאַלט זענען מיינע
גלידער,
קום אַהער און דריקט דיך צו פעסטער צו מיין האַרץ,
דערוואָרם איך אינוויינעק — פיליכט פאַרגייט דער
שמערץ.

(זי דריקט אים צו שטאַרק)

אָט אַזוי — אַזוי — נאָך בעסער — יאָ אַזוי — גוט — גוט
יעצט פיל איך מיך בעסער — לייכטער די מינוט,

(דער מאנאלאג ווערט געפירט — לאנגזאם — מיט פויזן — בע-
גלייטעט מיט ווארעמע הייסע געפילן)

א ב ר ה ם (געריירט אבער מוטיג) נאָ גענוג! — עס רופט אונז גאָטעס
שטימע לאָז אים שוין גיין, שרה מיין צערטליך ווייב די
פרומע.

ש ר ה (מיט א ווילדער מימיק אבער נאך גלאטן רייסט אוועק פון אים
יצחקן און האלט אים פעסט גלייך ווי זי פערטיידיקט אים קעגן
אן אומגליק).

האָ! — יעצט הייס איך נישט שרה — יעצט בין איך
נישט דיין ווייב,
יעצט בין איך יצחק׳ס מוטער — מיין זעל, מיין בלוט,
מיין לייב!
יאָ איך בין די פרימע — אָ מיין גאָט האָב איך ביי מיר
יעצט בין איך גאָר קיין מענש — יעצט בין איך אַ ווילד
דער טיר.

(שטארק פערוויירט)

יעצט בין איך גענוג שטאַרק — און וויי וועט זיין דעם
אַצינד,
וואָס וועט פרוּוון אַרויסרייסן איר קינד.
היט אייך פאַר די נעגל פון דער צערייצטער צנועה!
פירן ווילסטו אים לערנען — דאָרט צום באַרג מוריה?
תורה צום שם ועבר דאַרף ער לערנען גיין?
און ווי האָבן זיי דען געלערנט ווען נישט פון דיר אַליין!...
ביסט דען נישט פון זיי דער לערער גאָר דער בעסטער?

דו האָסט ערפונדן גאָט: — דו ביסט פון זיי דער גרעס־
טער!
דו קענסט אים דאָ אויך לערנען — ווו אהין ער דאַרף
ג״ין,
דאָ איז אויך דאָ גאָט ניין — ער גייט נישט — ניין!
(זי קושט יצחק׳ן צערטלעך)
אברהם: זאָל איך מיר דאָס גלייבן — איז דאָס דיין שטימע,
דאָס רעדט מיין ווייב שרה די געהאָרכזאַמע די פרומע?
שרה (קוקט אים אן ווילד) — יאָ!!!
אברהם — — — שרה!
שרה לאָז מיך אַצינד אַליין, — אברהם גייט לאנגזאם אב
שרה קוקט זיך צו יצחק׳ן מיט איבערגעשראקענער פרייד
הא — יעצט האָב איך דיך שוין ווידער גלייך ווי נייע
געוויבען,
יעצט האָב איך דיך ווידער אויף עס נייע געפינען.
זיי מיר מוחל גאָט וואָס איך בין דיין ווילן דערווידער,
דו אַליין מאַכסט מיך ציטערן, וואַרפסט א קעלט אין
מיינע גלידער.
דען ווען דו זאָלסט וועלן ער זאָל פון מיר יעצט גיין,
מיין האַרץ צו דערפרייען וואָלסטו מיר באַדאַרפט אַליין.
דו האָסט דאָך מיר אים געשענקט? — אין דיר איז עס
דאָך געווענד.
נאָ? דאַרף איך דיינע מתנה אַרויסלאָזן פון מיינע הענד?
יצחק: איך בלייב ביי דיר שוין מוטער — ניין איך גיי נישט
ווייטער,
נאָר זיי שוין רויק, מוטער — און נישט בייז אויף מיין
פאָטער
ער איז דאָך אַזוי גוט — ער דערציילט מיר שיינע זאַכן
שרה: ביי מיר, ביי מיר שלאָפסטו היינט — ביי מיר זאָלסטו
ערוואַכן —
זי לייגט זיין קאָפּ אויף אירע קני, זיצנדיק אויף דער גראָז־באַנק
אונטערן בוים און שלעפט אים איין.

יצחק זינג מיר מוטער דאָס שיינע ליד אַצינד,
ווי דו פלעגסט מיך פאַרוויגן נאָך אַלס קליין קינד.

1.

שרה (זינגט) אוי גאָטעניו טייערער, טייערער גאָטעניו.
געלויבט וואָס האָסט אין מיר געדענקט,
בת תשעים שנה,
דאַנקט דיר יעצט פאַר דער מתנה.
וואָס דו האָסט אויף דער עלטער איר געשענקט.
מען וועט פון מיר נישט לאַכן,
נישט מער חוזק מאַכן.
זעט ווי שרה,
די עקרה.
וויגט איר איינציק קינד.

2.

אוי זיבעניו טייערער, טייערער זינעניו,
מיט לאַנגע יאָרן נאָר זאָלסטו זיין ביי מיר.
אין גאָט, זאָלסטו גלייבן,
וועסטו לאַנג לעבן.
בענטשן וועט זיך די גאַנצע וועלט אין דיר.
גרויס וועט זיין דיין נאָמען.
פון דיר וועלן פעלקער שטאַמען.
דער אל שדי,
וועט בוודאי,
האַלטן וואָרט מיין קינד,
שלאָף זשע שלאָף מיין זינעניו
דיך וויגט דיין מוטער שרהלע.
גאָט דער גיטער,
איז דיין היטער,
שלאָף זשע שלאָף געזינד.

זיי ווערן באלד אנטשלאָפן, יצחק אין די אָרעמס פון זיין מוטער.

אין אינטערגרונד פאנגט אן לאנגזאם צו טאגן, אברהם ערשיינט לאנגזאם ביז צו שטיל, לייגט לאנגזאם אוועק שרתט האנט בעמט אן יצחקן און טראגט אים שלאפנדיק אוועק אויף די הענט. אין אינטערגרונד ווערט דער הימעל רויטלעכער ביז עס באווייזן זיך די שטראלן פון דער זון, שרה פאנגט אן, לאנגזאם צו ערוואכן, זי פילט עס פעלט איר עפעס אין די הענט, זי דערשרעקט זיך. רייבט די אויגן, קוקט זיך אום אויף אלע זייטן, און שרייט פארוואנדערט:

וואו איז מיין קינד? — ווער האט געקענט,
אוועקנעמען אים פון מיינע הענט?
יצחק אברהם—אליעזר—ישמעאל — נישטא קיינער,
ע, מענטשן, דינער, הירטן — לאז זיך אנרופן איינער!

כאר לויפט אריין

אלע וואס איז,

שרה וואו איז יצחק, אברהם, ישמעאל זאגט!

איינער איך האב זיי אלע געזעען אוועקגיין פארטאג.
צום בארג מוריה געוויס דארט דינען גאט,
אזוי האבן אלע א ידיעה געהאט.

שרה: געלאסן, און דאך פארוואונדערט. שטיל, גאט דינען! — איז דער
חלום אמת אדער נישט!
וואס איך האב געחלומט ווען איך בין געשלאפן די מינוט?
איך זע אין חלום ווי מיין מאן אין א מארגן-פרי,
לערנט אונז גאט דינען, מיר פאלן אלע אויף די קני.
און בעטן צום אל שדי — מיר ריידן נישט נאר זשומען,
און זאגן נאך אינדערשטיל יעדעסווארט נאך אברהמען.
עס ווערט אונז אויף דעם הארצן אזוי גוט אזוי טייער,
און ביז אויף דעם מזבח האט אויסגעברענט דאס פייער,
שטייען מיר אלע אויף מיט פרייליכע געמיטער,
און א מאלצייט ווערט געגעבן פאר אונזערע לייט אגוטער.
און פון ווייטן שטיפן די קינדער יצחק און ישמעאל,
און שפילן זיך און קריגן זיך — ווי איך הער מיטאמאל.
זאגט ישמעאל צו מיין קינד: איך בין עלטער פיל פון דיר
און אז די אלטע ווען שטארבן קומט די ירושה מיר.

און יצחק ענטפערט אים — ביזט עלטער טאַקע אין יאָרן,
באָר דו ביזט נישט דער זון פון מיין מוטער שרהן.
עס וועט קיין ענדע נעמען זאָגט ישמעאל — דאָס זע איך,
מיר וועטן זיך ווער שנעלער וועט שטעלן אַ מזבח.
און מען צעלויפט זיך שנעל — און מען טראָגט צונויף
שוין שטיינער,
און יעדער מאַכט אַ הויפן — נאָר שנעלער אַרבעט איינער.
ישמעאלס ווערט פאַרטיק גיכער — און אויך גרעסער,
ער לייגט אַרויף אַ שאָף — און נעמט אַרויס דאָס מעסער,
און ווי ער וויל קוילען דאָס שעפעלע — הייב איך אָן
צו שרייען:
האַלט-איין דיין מעסער מערדער! דו פאַרפלוכטער קין.
דיין ברודער ווילסטו קוילען, וואָס ווילסטו טון,
דאָס איז נישט קיין שאָף, דאָס ליגט יצחק מיין זון.
הילף, הילף! אברהם, אליעזר דינער געשווינד,
קיינער רופט זיך אָן — מען קוילעט יעצט מיין קינד.
איך וויל שרייען — געליימט ווערט מיר די צונג —
איך קען נישט,
איך וויל לויפן — די פיס ציטערן — איך פאַל! — אין
דער מינוט,
פיל איך ווי מיט אַ צערטלעכער האַנט נעמט מיך יעמער
אַרום,
און זאָגט מיר: — דאָס בין איך דיין זון יצחק קוק דיך
מוטער אום.
זע ווי מלאכים היטן מיך, מוטער האָב קיין מורא.
דיין זין באַשיצט יעצט גאָט, ווייל ער לערנט תורה.
מיט אַ פריילעכע טרייסנדע מינע
האַ! — לערן דיך ווייטער לערן, זיי אַ פרום ערלעך קינד,
און קום צוריק צו דיין מוטער — אָ, לייכטער איז מיר
אַצינד.
האַ! איך בין שוין ווידער מונטער.
זינגט און טאַנצט מיט מיר — אַ מאָל-צייט וועל איך געבן,

מיין זין לערנט דאָרט תורה—לאָמיר בעטן פאַר זיין לעבן.
אלע נעמען פּעקעלן אין די הענט, שרהן גיט מען אויך איינס, די זינגט
און טאַנצט א באַגאַטינען סאָלידן טאַנץ.

1.

שרה: לאָמיר אַלע בעטן אונזערן בורא,
פאַר דעם לעבן פון מיין קינד,
ער לערנט זיך דאָך גאַטעגניו נאָר דיין תורה.
שיק-זשע אים דיין ברכה און געזונט. כאָר איבערחזרט.

2.

שרה: זינגט-זשע גוט, זינגט מיט מיר צוזאַמען,
טאַנצט-זשע גוט, טאַנצט-זשע גוט נאָר נישט רירן.
אַז ווייל איז דעם טאַטן און גוט איז דער מאַמען!
וואָס גאָט בענטשט זיי מיט אַזאַ זון. כאָר איבערחזרט.

3.

שרה: נאָכגיין נאָך אים,
זאָלן מלאכים,
אים צו באַגלייטן אין זיין היים. כאָר איבערחזרט.
שרה: איבערחזרט נימער 2 — דערנאָך נומער 1
שטן (לויפט אריין מיטן טאַנץ) שרה! דיין זון יצחק איז געשטאָרבן.
שרה: (בלייבט שטיין גלאָצט אויף א פּאָר אויגן, לאָזט ארויס א ווילד געשריי
און פאַלט טויט). אלע פאַלן אויף די קני און כוען א פּלאַסק מיט די
הענד.
שטן שעור! — אלע ווענדן די קעפּ צום שטן.

דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

פערטער אקט.

שטעלט פאָר א איינפאַכע טאַבלאָ האָריזאָנט, צילע וועגן פערלוירן זיך אין ווייטע געבירגן, אברהם גייט פריער אלס וואנ־דערער געקליידעט, יצחק אויך אזוי געקליידעט גייט אים נאָך.

יצחק (פרעגט זינגענד) ליבער פאָטער אָך זאָג מיר איך פרעג דיך
אצונד,

אברהם: נאָך פרעגסטו מיך און פרעגסט מיך וואָס ווילסטו קינד.

יצחק: ליבער פאָטער אַך זאָג מיר דער וועג איז נאָך לאַנג,

אברהם: ווי קען מען מיין קינד וויסן ציילן דעם גאַנג.

יצחק: (נאָך א ז פויזע נאכדענקענד) אָך זאָג מיר פאָטער ליבער איך
פרעג אַ צינד,

אברהם: נאָך פרעגסטו מיך וואָס ווילסטו קינד.

יצחק: אַך זאָג מיר פאָטער ליבער איז ווייט דער ציל,

אברהם: ניין קינד גיין דאַראָ מען שוין גישט מער אַזוי פיל.

יצחק: (פראזא) זאָל איך דיר זאָגן פאָטער וואָס איך קלער אַזוי
לאַנג ?

אָדער וועסט אַליין טרעפן וואָס מיר טוט עפּעס באַנק.

אברהם פויזע

— — — וואָס עס איז נישט אַז ווען איך הייב אָן צו
דענקען,

אַז מיין ליבע מוטער וועט נאָך מיר אַזוי בענקען.

אַך ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיך נישט געפונען.
זי האָט געוויס געוויינט — אָדער אַראָפּ פון זינען?!

(אברהם פויזע)

— — — אָבער אַז איך קען נישט תורה און צוריק
אַהיים גיין,
אַ יאָ פאָטער, וועט זיך די מוטער מיט מיר פרייען!

א ב ר ה ם: פון מוטער און פאָטער איז נאָך פיל ליבער — קינד!
דאָס איז דער אַלמעכטיגער גאָט וואָס כ'מוז גיין צו אים
בעטן אַ צונג,
ער איז דער פאָטער איבער אַלע פאָטער, מיין נשמה
ער האָט אַריינגעבלאָזן אין דיר דיין נשמה נאָך אין דיין
מוטערס בויך.
ער האָט דאָס לעבן אונז אַלע געגעבן — נאָר אין אים
דאַרפן מיר דענקען,
און אויסער אים — איז נישטאָ נאָך וועמען צו בענקען. —

י צ ח ק: אָ שיין מוז זיין די תורה איך וועל זי לערנען מיט
חשק דאָרט
קום לאָמיר גיין שנעלער צום באַשטימטן אָרט.

(ער דערזעט אַן אַלטן)

ש ט ן: (פארשטעלט אַלס אלטער) וואוהין גייסטו מיין קינד? — זאָג
האָב קיין מורא?

י צ ח ק: צו דעם באַרג מוריה דאָרט לערנען מיר תורה.

ש ט ן: ווילסטו נאָך לערנען ווען דיין לעבן איז נאָך שולט,
אָדער נאָך דיין טויט ווען דו וועסט שוין זיין געקוילעט?

י צ ח ק: ווי אַזוי גאָט וועט וועלן, דאָס איז זיין זאַך,
ביים לעבן וועל איך לערנען דאָ מיט אַלע גלייך.
און נאָך מיין טויט ווען איך וועל אין הימל אַריינגיין,
וועט דאָרטן מיט מיר דערגיין מיין ליבער גאָט אַליין.

ש ט ן (ווענדעט זיך אָפּ פון אים און פאריינִיגט זיך מיט אברהמ'ן)
וואוהין גייסטו אברהם איך וויל דיך באַגלייטן,

א ב ר ה ם: צום באַרג מוריה דאָרטן גאָט צו בעטן.

שטן: און צו וואָס פירסטו האָלץ און פייער מיט מיט זיך,

און צו וואָס דאָס מעסער פאַרשטעקט אין דיין דיך?

אברהם: אפשר וועל איך לענגער דאַרפן פאַרבלייבן אויף דעם אָרט,

וועל איך אונז אַלע עסן אָפּקאָכן דאָרט.

שטן: מוכ מום — אַזוי אַן אַלטער ווי דו ביסט געם נאָר אין זינען.

אויף דער עלטער האָט דיר גאָט געשענקט אַזאַ זון.

גייסטו אים קוילן — וועט דיך גאָט נישט שטראָפן דערפאַר?

אברהם: גאָט האָט מיר געהייסן — אַוועק אַלטער נאַר?

(שטן ווערט פאַרשוווּנדן)

יצחק ליבער פאָטער איז דער וועג נאָך לאַנג?

אברהם (זינגט) נאַריש איז קינד יעצט דיין פראַגע,

עס דאַרף מער נישט דויערן קיין איין טאָג.

ביז מיר וועלן דערגרייכן אונזער ציל.

פירן וועט אונז גאָט אַליין,

אויף דעם וועג וואָס מיר דאַרפן גיין.

קום נאָר מיין ליב קינד (יצחק) עס גייט יעצט דיין לעבן קינד,

דינען גאָט אַצינד.

צום הייליקן אָרט,

תורה לערנען דאָרט.

אברהם: קום נאָר יעצט אויף גאָטס בארוט,

יצחק: איך גיי איך גיי אויף גאָטס בארוט.

אברהם: זע מיין קינד, פערליר נישט קיין מוט,

יצחק: ניין פאָטער, איך פאַרליר נישט קיין מוט

פערליר נישט קיין מוט!... (ביידע אָב לינקס)

ישמעאל: (פירט דעם אייזל).

קום אהער מיין בעסטער חבר, קום קום מיט מיר,

נאָ דיך האָב איך ליב, איך האָב נחת פון דיר,

דו ביסט שטענדיק פרייליך, מען הערט דיך נישט
טרויערן,
מען זעט דיך נאָר גענעצן און טרייסלען מיט די
אויערן
דו מאַכסט נישט חוזק פון מיר, פון דיר הער איך
קיין בייזער.
אָ! אָנקוקן קען איך נישט דעם משרת אליעזר.
שטענדיק איז ער פאַרוויינט בייז און צוטראָגן,
אַז מען פרעגט אים וויל ער נישט ענטפערן — נישט
זאָגן.
לאָמיר אים אויך אָפּטון אַ שפּיצל מיין פריינד,
נישט ענטפערן אים קיין וואָרט, זיך מאַכן איין האַנט.
דערפאַר וועסטו האָבן ביי מיר אַ סך האָבער און גראָז,
אַז איך וועל ווערן איבער אַלעמען באַלד אַליין בעל
הבית.
ווייל — לויט דיין קאָפּ און מיין קאָפּ איז נישט קיין
קליינער,
איז מיר איינגעפאַלן, ווי זאָגט מען עס — אַן איינפאַל
אַ שיינער.
אַז דער אַלטער האָט יצחק'ן איינגאַנצן פונדערהיים
אַוועק גענומען.
און וועט שוין נישט דערלעבן קיינמאָל אַהיים צוקומען.
אַ יאָ?

אליעזר: (הערט די לעצטע ווערטער — אין דער בייז האַלבלויט גלייך
ווי צו זיך אליין).
אָ שווייג דו זון פון דער שפחה דער געמיינער!
(ישמעאל ווינקט צום אייזל און פאַרבייסט צונייעם מיט די ליפּן
און ציינט אים מיטן פינגער אויפן מויל ער זאָל נאָר שווייגן —
נישט ענטפערן אים אַ וואָרט):

אליעזר: נישט דערלעבן וועסטו — נישט דערלעבן וועט
קיינער!
(ישמעאל — צוזעצטע ריידו נאָר, טסי!)

זאָל אַברהם׳ס פערמעגן געניסן די גאַנצע וועלט,
נאָר נישט דער וואָס קוקט אַרויס אויף יצחק׳ס טויט
און קוועלט,

(ישמעאל — טסי! קיין וואָרט — דו הערסט)

פריי דיך ווילדע בריאה פריי דיך מיט דיין גליק,
אָ וועט אברהם נאָר אָן יצחק׳ן זיך אומקערן צוריק.
וועל איך שנעל לויפן און אָפּזוכן דאָס הייליגע אָרט,
ווי דאָס קינד האָט דעם לעצטן אָטעם אויסגעהויכט דאָרט
ווי אַ דאָרשטיקער הירש וועל איך פון דער ערד זיין בלוט
אויסלעקן,
און דערנאָך — דערנאָך — מיט מיין טויטן קערפּער זיין
אַש צודעקן.

(די שטעפּע זאָגט ער געלאַסן)

נאָר פריער מוז איך דיך ווילדע בריה טייטן,
ווי אַ שרץ וועל איך דיין גוף מיט די פיס צו טרעטן,

(ישמעאל נישט דערלעבן וועט ער עס)

נישט זוכה זיין אפילו פאַר קיין עולה — יאָ זאָ זייעס!
דעם רייכן עושר זאָלן ירשענען די ווילדע חיות. (אָב)

ש מ ע א ל: (אַלץ צום אייזל) טסי! — נאָר נישט ענטפערן —
לאָז ער ריידן צוזעצטע רייד!
רוף אים נישט צוריק! — לאָז ער גיין אין צרות און
אין לייד!
ס׳זאָל דיך גאָר נישט אַרן — לאָז דיר נישט צו נאָר
קיין צרות,
וואָס הערסטו אים — ער איז דען מער ווי אַ משרת.
ווער קען אים — ווער ווייסט אים, ווער מאַכט זיך פון
אים נאָר,
איך שווער דיר אַז מיר זאָלן ביידע האָבן אַזא יאָר.
דו האָסט אַ גרעסערן נאָמען אין דער וועלט ווי ער,
מען לאָזט דיך נישט אַרויס פון׳ם מויל — מען קען דיך
פיל מער,

אַז מען וויל אַמאָל פאַרגלייכן אַ למדן, אַ גרויסן מאַן —
א גביר.

פאַרגלייכט מען אים ניִשט צו קיין שום חיה ווי נאָר צו דיר,

מען זאָגט ניִשט למשל אַז דער און דער נגיד איז א גרוי·
סער לייב אָדער עלפאַנט,

מען זאָגט ליבער אַז ער איז אַ גרויסער אייזל -- יאָ, יאָ,
מיין פריינט!

ביי די מענטשן איז אויך דאָ אייזלען וואָס קייען שטרוי
ווי דו.

אָט וועל איך דיר אַביסל אויסרעכנען — הער זיך נאָר
גוט צו. —

1.

זעט נאָר דאָרט דעם אַלטן מאַן,
צוויי ווייבער שוין באַגראָבן,
יעצט וויל ער נאָך קליגער זיין,
אַ דריטע וויל ער האָבן...
ער קויפט אַ קינד
שיין, יונג, געזונד,
פאַר פיל געלד ווערט זי זיין ווייב,
דאָס ווייב דאָס נייע,
שווערט אים טרייע,
און ער גלייבט איר דער אַלטער שקאַרב,
קיין יאָר איז נאָך אַפילו נישט פערפלויגן,
זיצט דער אַלטער מיט פערוויינטע אויגן,
„אַך מיין ליבע טרייע רייזל,
איז אַנטלאָפן מיט אַ גוי!״ — *)
אַ מצוה אויף דיר אַלטער אייזל,
יעצט גיי קייען שטרוי! —

---

*) „גוי״ — הייסט א מענטש פון א פרעמדער נאַציע —

2.

איך האָב געזען אַ רייכן מאַן,
ער האָט געלעבט ווי אַ מלך,
נישט געשטיצט האָט ער קיין אָרימאַן,
אַזוי ווי איך דערצייל אייך,
מיט פּראָצענט,
האָט ער געקענט.
באַראַבעווען אַ האַלבע וועלט,
און האָט ממילא,
פון גזילה,
אָנגעזאַמלט זיין גאַנץ געלד,
אין אַ יאָר אַרום, האָט ער פאַרלוירן אַלעס,
געבליבן איז אים נאָר אַ גרויסער דלות,
ער לאָזט שוין יעצט אַראָפּ זיין נעזיל,
עס איז אים וויי און אוי,
גיי רעכט אייך אַזאַ רייכער אייזל,
זאָל גאָר קייען שטרוי.

3.

זעט נאָר דאָרט דעם יונגן יאָלד,
ער האַלט זיך פאַר אַ קלוגן,
איר קענט אים נאָר מיט פיל גאָלד,
פאַר אייך איידעם קריגן,
קומט אַ גביר,
און זאָגט צו אים פיר.
ער גיט אים געלט אַ פולן טאָפּ.
אַבי ער זאָל נעמען,
זיין טאָכטער טעמען,
און איר צו דעקען גיך דעם קאָפּ,
די אַלטע מויד האָט שוין געהאַט אַ פּאָרל פריער
און האָט קיין גראָשן — דעם סוד ווייסט נישט ער, נאָר מיר,
אַבי ער נאָר צוברעכט דאָס גלעזל
באַזינגען מיר אים אַזוי:

„מזל טוב” דיר יונגער אייזל,
יעצט גיי קייען שטרוי!

4.

(די סטראָפע איז געמאַכט פאַר דעם קאָמיקער צום פּובליקום — פאַר ביס)

ליבע געסט מיר דאַנקען אייך,
וואָס איר בעזוכט אונז גראַדע
איך בעט פון אייך יעצט נאָר איין זאַך,
מיט מיין קאָמעראַדע, (ער ווייזט אויפן אייזל)
צו דער קאַסע,
אין גרויסער מאַסע,
אַז איר וועט קומען אָפטער אַהער,
אויב איר ווילט אונז רעטן,
זאָלט איר בילעטן,
נישט קויפן ביי קיין קאָנטראָלער,
איר ווייסט דאָך: שפּילן איז אַ גרויסער פּלאַן
און אַז איר וועט געבן קאָנטראָלירן שפּאַנע,
וועט אונז נישט בלייבן אפילו אַ ברייזיל,
צו פאַרפאַסן אוי,
און איך וועל מוזן מיט מיין אייזל,
די גייע קייען שטרוי. —

(ער גייט אָפּ לינקס מיט דעם אייזל)

פערוואַנדלונג

(שטעלט פאַר דעם בארג מוריה — אויף דעם שפּיץ ליגט אַן עלעקטרישער שטראַל — לינקס לעבן דער קוליסע ביי דער ערד, שטייט די גרופּע אין דער אָרדנונג: יצחק, אברהם, אליעזר ישמעאל האַלט ביי דער צוים דאָס אייזל)

אברהם (צו אליעזרן) קוקט אייך נאָר צו העט ווייט אויף דעם אָרט,
און זאָגט מיר! — וואָס זעט איר עפּעס דאָרט.

אליעזר איך זע גאָרנישט.

ישמעאל שאַט! איך זע — אויך גאָרנישט — פּאָרט,
(צום אייזל) דו זעסט עפּיס? — ניין — ער זעט אויך נישט ניין —

אברהם (צו יצחקן) און דו יצחק זאָג דו — קענסט אויך נישט זעען?

יצחק איך זע דאָרט ווי אַ ליכטיקן שטראַל — ווי פון דער זון!

אברהם — — — געגנוג: — קום מיין זון! —
(צו אליעזרן און ישמעאלן) איך און דאָס קינד דאַרפן מיר גיין אַהין גלייך.
און איר — ביז מיר וועלן זיך אומקערן צו אייך,
זיצט און וואַרט דאָ אויס מיט דעם אייזל.

(וואָרום ער נעמט אַראָפּ פון דעם אייזלס ריקן דאָס האָלץ מיט דעם פייער מיט דעם קריגל בוימל — פאַלט אליעזר אויף די קני קישט אברהמען די זייט פון זיין קלייד און וויינט מיט איין איינגעהאַלטענעם דערשטיקטן אָטעם און מאַכט אַ מינע פון אַ געבעט — אברהם שטויסט אים צוריק מיט אַ בליק פון פאָרוואורף נעמט יצחקן ביי דער האַנט און גיין ווייטער — אליעזר בלייבט ליגן מיט דעם פּנים צו דער ערד און האַלט אין איין כליפּען)

י ש מ ע א ל (ווידערהאָלט אברהם'ס לעצטע ווערטער רעדנדיק צום אייזל:

און איר — ביז מיר וועלן זיך אומקערן צו אייך,
זיצט און וואַרט דאָ אויס מיט דעם אייזל!" —
מיט דעם אייזל! — דו הערסט! דאָס זאָגט אַליין דער
פאָטער,

נישט מיט דעם משרת — אים הערט ער ווי דעם קאָטער
נאָר נישט ענטפערן אים — לאָז ער ליגן אין דער ערד
מיט דער נאָז.

און מיר וועלן זיך אויסרוען אביסל דאָ אויף דעם גראָז.
שטיי: — עס פעלט מיר עפעס איין — הז דער מוח
איז שמאָל!

עפיס דרייט זיך מיר אין די גיהירן קשיות אָן צאָל...
אפשר ווייסטו דאָס רעטעניש — חכם — נאָ, זאָג! וואָס!
זיי גיין ברענגען אַ קרבן — ווי איז זשע ערגיץ דאָס
דאָס?

יאָ? האַ — ווי איז ערגיץ דאָס, דאָס לעמעלע? דער
ווידער?

אנאָ? ענטפער — דו האָסט טאַקע איין אייזלנעם קאָפּ
ברידער!

ס'איז דאָך פשוט נישט שיין פון דיר — האָסט אַ קאָפּ
ווי אַ פּאָפּ

מיט אַזוינע לאַנגע טייערע אוירן — עס איז דאָך קיין
שפּאַס.

און זאָלט נישט אויסקלערן וווהין פירט מען דעם קליינעם.
נאָ ווייסטו וואָס? — לאָמיר ביידע קלערן אין איינעם —

(ער לייגט זיך אויף דעם גראָז, האלטענדיק ביי דער צוים דעם
אייזל — ווערט אזוי לאַנגזאַם איינגעשלאָפן, אליעזר הייבט אויף
דעם קאָפּ פון דער ערד און ליגענדיק פאָרשט ער מיט זיין בליק
אין דער ריכטונג — ווי אברהם שטייט מיט יצחק'ן)

י צ ח ק (בעטאָר זיי גייען אַרויף אויף דעם באַרג) — פאָטער!
אברהם — — איך בין עס!

יצחק — — — — פאַטער?
אברהם — — — — וואָס איז וואָס?
יצחק מעג איך פרעגן?
אברהם — — — פרעג!
יצחק — — — — וואָס איז דאָס?
מיר ד׳האָבן אַלעס: דאָס פייער, דאָס האָלץ צו דער עולה,
און ווי איז דאָס וויכטיגסטע — דאָס שעפּעלע דאָס ווילע?
אברהם דו ווייסט דאָך, אַז צום גרויסן גאָט גיכער די גאַנצע וועלט,
ער האָט שעפּעלעך אַ סך; נאָר דאָס, וואָס אים געפעלט,
דאָס, וואָס ער אַליין הייסט זיך ברענגען פאַר אַן עולה,
איז פון אַלע דאָס ליבסטע, דאָס הייליקסטע, דאָס ווילע! —
יצחק און ווי איז דאָס ליבסטע? — איך וואָלט געוואָלט דאָס זער זיין!
דאָס הייליגע וואָס גאָט האָט דאָס אויסגעוועהלט אַליין?
אברהם נאָ? און ווען גאָט זאָל אויסוויילן — דיך!
יצחק: (דערשראָקן — און עטוואָס אין אַ קינדישער נאַאיווער פאַרלעגנהייט) מ-מ-מיך?
אברהם יאָ! פריי דיך, מיין קינד, וואָס גאָט האָט אויסגעוויילט דיך,
צו הייליקן זיין נאָמען און רופט דיך אין הימל צו זיך...
דיין כשר נשמה׳לע וועלן דאָרט די מלאכימלעך אומפאַנגען,
מיט פריילינע טאַנץ, שפּילן און געזאַנגען,
וועלן זיי דיך צו פירן צום כסא הכבוד פון דעם מלך מלכי המלכים.
און גאָט אַליין וועט דיך בענטשן לעבן זיי זעגען,
און וועט דיך קישן פאַר אַלע און זאָגן צו זיינע מלאכים
דאָס איז מיין ד׳הייליק קינד זיך געאָפּפערט פון מיינעט וועגן!!! —

יצחק (מיט פרייליכער האלב ווייגענ'ער שטימע).

מיך וויל דער גרויסער גאָט איך זאָל זיין פאַר אים עולה!
וועל איך דאָס זיין, זיין שעפעלע דאָס הייליגע, דאָס
ווילע ?!...

(עטוואָס מונטער) קום פאָטער און בינד מיך שנעל — נעם
פאָטער און קוילע !...

אברהם (קישט אים אויף זיין שטערן — מיט אייגגעהאַלטענע טרערן)
אָ מיין טייער הייליק קינד! (זיי גייען ארויף אויף דעם באַרג

יצחק: שטאַרק זאָלסטו מיך בינדן פאָטער! — פעסטער, פעס-
טער בינד

אברהם: דו וויינסט?

יצחק: איך? (פערלעגן) איך פריי מיך — נאָר — די מוטער,

(ער וויינט — וואָרום אברהם דיכטעט אַלעס צום אַלטאַר)

אברהם (זינגט) נאָ — מיין קינד דאָס ווילע,
מאַך דיך פאַרטיק צו דער עולה,
זיי באַהאַרצט און מאַך דיך גרייט,
זאָג פאַר גאָט דיין לעצטס פרום געבעט,
(ביידע) גאָטס ווילן, גאָטס ווילן איז דאַביי? —

1. סטראָפקע.

צחק: אוי פאָטער — אוי פאָטער — וואַרט נאָך איין מינוט.
וויי מיר, וויי מיר, וויי מיר און ביטער,
וואָס וועט יעצט טון, מיין טייערע מוטער!
וואָס וועט פון איר ווערן,
אַז זי וועט דערהערן,
וואָס דאָ איז געשען, — אוי
אַז זי וועט נישט מער זען,
איר קינד וואָס זי האָט געבוירן צו ניינציק יאָר!

2. סטראָפקע אברהם נאָ...

אוי פאָטער — אוי פאָטער — וואַרט נאָך איין מינוט.
וויי מיר, וויי מיר, וויי מיר און ביטער,
טרייסטן ווער וועט, מיין טייערע מוטער,
זי פלעגט זיך דערקוויקן,

צום האַרצן מיך צודריקן,
ווי זיס איז דער נגון,
ווען זי פלעגט מיך פאַרוויגן,
איר קינד וואָס זי האָט געבוירן צו ניינציק יאָר.
(ער ווידערהאָלט זינגענדיק אַ וויגליד)
גרויס וועט זיין דיין נאָמען
פון דיר וועלן פעלקער שטאַמען,
דער אל שדי,
וועט בוודאי,
האַלטן וואָרט מיין קינד,
שלאָף זשע שלאָף מיין שרה׳לע,
דיך וויגט דיין מוטער שרה׳לע,
גאָט דער גיטער,
איז דיין היטער,
שלאָף זשע, שלאָף געזונט.

3. סטראָפקע אברהם נאָ...

אוי פאָטער — אוי פאָטער — וואַרט נאָר איין מינוט!
פאָטער גוטער! איך בעט זאָלסט מיך הערן:
ווען מיין גוף וועט דאָ — באַלד פאַרברענט ווערן,
נעם אין דיין טאַש,
אַביסל אַש,
באַהאַלט אין אַ בעכער,
מיין מוטער צום זכר.
פון איר קינד וואָס זי האָט געבוירן צו ניינציק יאָר!
דועט (אברהם צוזאַמען מיט יצחקן) (אין דער צייט בינד אים אברהם)
אברהם: גענוג געוויינט געקלאָגט זיי נאָר באַהאַרצט טייער איינציק קינד
יצחק גענוג געוויינט פאָטער איז דאָך באַהאַרצט יעצט דיין איינציק קינד,
ביידע גאָט פאָלגן דאַרף מען דאָך, דאָס איז זיין ווילן אצונד.
יצחק — — — נעם קוילען! (ער לייגט זיך ליגענדיק מיט דעם קאָפּ צום פובליקום)

אברהם (גערירט — ריקט זיך אַפּ אַביסל ווייטער פון דעם אלטאַר — פאַלט אויף די קני די האנט צו גאָט אויפהייבנדיק) (מיט גצלאַ־ סענער טיפער שטימע)

אַלמעכטיקער גרויסער גאָט שעפער פון דער וועלט!
וואָס ליכט און לעבן און וויסן נאָר פון דיר עס קוועלט,
טיילסט אויס לעבן דאָס לעבעדיקן אויף אַ טערמין אַ געוויסן,

דאָס איז דיין סוד קיין מענטש קען דאָס נישט וויסן.
די האָסט מיר דעם משכון געגעבן — ניין ער איז נישט מיינער,

(ער הייבט זיך אויף און גרייפט דאָס מעסער וואס הענגט צוגעבונדן צום גארטל)

זיי פאָדערסט אים צוריק! — נעם אים אָפּ! — ער איז דיינער!

(ער הייבט אויף דאס מעסער און וויל צוגיין — בלייבט אבער פלוצלינג שטיין; ווייל ער דערהערט)

יצחק׳ס שטימע פאָטער! —

אברהם לאזט ארויס דעם מעסער פאָטער. — איך בין זיין פאָטער — נאָ? וואָס האָב איך מיך דערשראָקן,

און דאָס איז מיין קינד! — נאָ וואָס בין איך געבליבן שטעקן?

(פויזע — נאכדענקענדיק)

„— קח נאָ את בינך!” נעם דיין אייגן קינד דאָס ווילע, האָסטו מיר גאָט געזאָגט — און ברענג מיר אים פאַר אַן עולה.

איך אַליין זאָל אים ברענגען — זיין פאָטער — קוילן זאָל איך אים?!... (פויזע)

האָסטו דען דאָס נישט געקענט אויספירן דורך אַנדערע שלוחים?...

נאָר זיין פאָטער זאָל לייגן די האַנט אויף זיין קינד און... און זאָל נישט ציטערן?...

יאָ! נאָר אברהם קען אויסהאַלטן אַזאַ קאַמף אַזאַ ביטערן,

דיין האָט האָלט פעסט דאָס מעסער! — ביין זי ציטערט
ניִשט,
(ער שווינגט דאָס מעסער)
(בעלזאַ) זי וואָרט נאָר אויף דיין ווינק! — ווייל עס איז נאָך
צייט איין מינוט,
שאַמער האָסטו מיר עפּעס נאָך צו בעפעלן... זאָג גרויסער
הערשער מיינער,
יעצט בין איך שוין מער נישט איך — יעצט בין איך
אינגאַנצן דיינער!... (פּויזע)
דאָס מעסער האָט צוויי שאַרפן... איינע גילט פאַר דעם
קינד,
די צווייטע קען גילטן פאַר זיין פאָטער... איך בין גרייט
אַצינד!...
ווילסטו האָבן צוויי קרבנות?... איין וואָרט דאַרפסטו נאָר
זאָגן,
(שווינגט דאָס מעסער)
עס גייט! (לאָזט אראָפּ די האַנט) נאָך איינס!... מעג איך טייטן
דעם זאָמען,
וואָס פון דעם דאַרפן ווי שטערן אַזוי פיל פעלדער
שטאַמען?...
אַזוי האָסטו מיר געשווירן!... נאָ... אָבער... יעצט...
פונוואַנען?...
ערליב מיר גאָט איך זאָל דיך אין דיין שבועה דער-
מאָנען:
(זינגט) בעדענק נאָר גוט דיין וואָרט וואָס האָסט געזאָגט אַמאָל,
אַז זיינע קינדער וועלן גיין נאָר אָן אַ צאָל
אַז נאָר פון אים, פון אים אַליין פון זיינע זאָמען,
ווי שטערן אין הימל וועלן פעלקער ארויסשטאַמען,
נאָר פון אים — יאָ נאָר פון אים אַליין,
נאָר פון אים אַליין — אים אַליין. — — (פאַלט אויף די קניִ)
(שטעבעט) בעדענק נאָר וויפיל יאָרן איך האָב דיך פאַר אים געבעטן,
ביז דו גאָט האָסט מיר געדענקט דאָס איינאייניציק קינד,

יעצט ווילסטו אַז איך אַליין זיין פאָטער זאָל אים טייטן
דיין ווילן וועל איך נישט זיין דערווידער אַצינד,
געדענק נאָר גאָט די שבועה,
געדענק נאָר גאָט די שבועה,
בין איך דען נישט זאָג אַליין, אין רעכטן וועג פאַר דיר
געגאַנגען,
(סאָלאָ פלייט) האָב איך דען — נישט פאַרדינט — זאָלסט טון מיין
פארלאַנג?

(ער כאַפּט זיך אויף האַסטיק פון די קני)

נישט פאָרשן דאַרף מען ביי דיר,
נישט פרעגן דאַרף מען, וואָס דו ווילסט טון,
לערנט אייך גלייבן פון מיר!
דו ווילסט! איך געב דיר מיין איינציקן זון,

(ער כאַפּט ארויס דאָס מעסער לויפט צו שנעל ענטשלאָסן —
שטרענגט אויף די האַנט) — נא!!! (אין דעם מאָמענט הערט
מען איין מלאך זינגען)

אַבְרָהָם אַבְרָהָם אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ אֶל הַנַּעַר,
וְאַל תַּעַשׂ לוֹ מְאוּמָה!

(דער הימל שפּאַלט זיך — אַלע מלאכים ערשיינען און זינ־
גען — איינער נעמט ארויס דאָס מעסער פון אברהם'ן —
איינער בינדט אָפּ יצחקן — אליעזר דערזעט פון הינטן לויפט
ער ארויף פאר שמחה און קישט צערטלעך יצחקן — שלעפּט א
ווידער און לעגט אים אויף דעם אַלטאַר — ישמעאל הויבט
זיך אויף און דערזעט העט טאַראַראַם כאַפּט ער שמייסן דעם
אייזל וואָס ער האָט אים נישט אויפגעוועקט). —

(די מלאכים און אברהם און יצחק זינגען ביז צו ענדע

עזי וזמרת יה ויהי לי לישועה!

דער מזבח היט דעם ווידער ברענט אין רויט פייער — אלע
מלאכים באַלויכטן וויאָלעט פייער.

דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם

ע נ ד ע

טעאַטער ביכער ערשינען דורך אונזער פאַרלאַג:

1)	בערעלע באָסיאַק קאַמישע אָפּערעטע אין 3 אַקטן	1.—
2)	דזשעקעלע בלאָפער „ „	1.—
3)	דאָס זיסע מיידל „ „	1.—
4)	חצקעלע כל בויניק „ „	1.—
5)	מלכהלע סאָלדאַט פאָלקס=שטיק אין 4 אַקטן	1.—
6)	עקידת יצחק היסטאָרישע אָפּערעטע	1.80
7)	שוואַרצע חופּה לעבנס=בילד אין 4 אַקטן	1.—

איינאַקטערס:

8)	איטשע מאיר צו די וואַלען	—.50
9)	דער קליענט ביים פאָטאָגראַפיסט	—.50
10)	דריי מינוט טויט	—.50
11)	די יודישע גמינע	—.50

Wydawnictwo

T. Jakóbson M. Goldberg

Warszawa, Nalewki 35.

Telefon 267-22. P. K. O. 12.505